STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06115

# MAYN SHTETL UNGEN

H. Barkan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. באַרקאַן

# מיין שטעטל אונגען

פּאָעמע

דרוק. ל. גראָס דרוקעריי, פילאדעלפיע
1959

# H. BARKAN

# Mein Shtetel Unghen

Copyright, 1959
by
H. BARKAN
4804 N. Franklin Street
Philadelphia 20, Pa.

MID-CITY PRESS, Inc., N. W. COR. 24th & LOCUST STS., PHILA., PA.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL PHILADELPHIA 20

געווידמעט מיינע עלטערן, די קדושים,
יעקב און פריידע בארקאן, ז״ל,
וואָס זיינען אומגעקומען בידי הרוצחים,
ב׳ תמוז, ה׳תש״ב (1941).

אונגען.
מיין טייער שטעטעלע אונגען, אין בעסאראביע.
ביסט חרוב געוואָרן, מיין שטעטעלע, חרוב געוואָרן
פון די נאַצישע וועלט־רוצחים.
איך טראָג דיך אין האַרצן, ווי אַ גאָלדענעם אוצר—
מיט דיינע טרוימען אין אידעאַלן,
מיט דיינע וואָכעדיקע געראַנגלען און קריגערייען;
מיט דעם חן פון דיינע באַלעבאַטישע שטיבער און אויסגעפוצטע
יידישע טעכטער,
ווי אויך מיט דיינע ברודיקע הויפן און טיפע בלאָטעס;
מיט דיין אײדלקייט און לומדות,
און מיט דיין גראָבער עם־הארצות:
מיט דיינע יום־טובים און אינדערוואָכנס;
מיט דיין טיפער מענטשלעכקייט און ברייטהאַרציקייט,
און מיט דיין ענגהאַרציקער קמצנות . . .
מיין שטעטעלע מיט מעלות און חסרונות,
אָבער מיט חן אומעטום, אין אַלץ,
פאַרוואָרצלט ביסטו אין מיין האַרצן אויף אייביק.
דו, וואָס אויף דיין ערד בין איך געבאָרן געוואָרן,
און מיין קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט . . .
ציטערנדיק נעם איך די פען אין דער האַנט
אַ מצבה דיר צו שטעלן.

• • • •

איך שטיי ווי ביי אַן אָפענעם פענצטער, און קוק אַרויס צו דיר אין דער ווייט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ׳בין ווידער יונג, און איך זע דיך ווי דו האָסט אויסגעזען מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, איידער כ׳האָב דיך פאַרלאָזט. איך זע — — — —

# מיין שטעטל אונגען

פּאָעמע

פון

ח. באַרקאַן

ערשטער טייל:

## דער אָנהייב

## א

# אַ שטח ערד

אין דעם שטעטעלע אונגען
איז אַמאָל־אַמאָל געווען,—
קורץ געוואַקסן, אָנגעבלאָזן,
רייך ווי קורח און צעלאָזן,
ברייטע ביינער, הויט צעגלאַנצטע,
אַ געדיכטע, לאַנגע וואָנצע,
הויכער בויך און בערדל שפּיציק,
און די אויגן בייז און בליציק,—
אַ פּריץ... בוזניע איז זיין נאָמען,
פון די יחוסדיקע זאָמען.

אונטער הימל, הויך און בלוי,
ליגט אַ שטח לאַנד דאָ רוי.
גרינע פעלדער העט אַרום,
און די ערד דאָ—עלנד, שטום.
ניט עס פייפט דער ווינט אין קאָרן—
אַזאַ פּוסטקייט, נאָר אַ צאָרן.
ניט קיין פויגל, ניט קיין בוים—
אומעט, ווי אַ וויסטער טרוים.
און ניט ווייט דאָ, פיין, באַזאַכט,
פליסט דער פּרוט מיט גלאַנץ און פּראַכט.

פון דער צווייטער זייט—אַ טייך,
ליגט מיט קאַרפּ און קאָרעס רייך.
און מיט קאַסטרישן אַ שפע,
און מיט „סאַם״ אָן ליסקעס, טריפה.
און מיט פלאָטיק ביז צום ברעג—

ס'איז דעם פּריצ'ס פאַרמעג.
דריי מייל לאַנג, מיט רחבות, ברייט,
אונטער באַרג ער ליגט צעשפּרייט.
און אויפן באַרג עס בליט א וועלט,
דאָרט ליגט דאָרף און וואַלד און פעלד.

• • • •

לאָזט דער פּריץ וויסן תמימותדיק און פרום
אין די שטעטלעך יידישע פון העט־אַרום:
„ליבע יידעלעך, מיין באָדן איך פאַרקויף,
קומט און דינגט און קויפט, און בויט א שטעטל אויף.
דאָ וועט הונגער, נויט, אויף אייך קיין מאָל ניט הויערן,
עס ליגן אַרום באָדן דערפער פול מיט פּויערן.
איר געניסט די ברכה פון טייכן און פון פעלדער,
איר וואוינט דאָ קעגן זון און שאָטנדיקע וועלדער.
קומט־זשע, יידעלעך, צום „טאָרג" אין פּריצ'ס הויף,
און באַזעצט זיך אויפן לאַנד וואָס איך פאַרקויף!..."

• • • •

מאַכן יידן אַן אסיפה,
חלומען פון גרויסער שפע,
און מ'היצט זיך און מ'פּלאַמט,
און מ'זעט שוין פרוכטבאַר לאַנד...
אין די שטעטלעך לאַנג געזעסן,
האָט דער אומעט שוין דערעסן,
דלות, ענגשאַפט דריקט און שטיקט —
יאָ, ס'איז נאָר פון גאָט געשיקט!
גאָט וועט דאָרט א גליק באַשערן —
מיר פאַרזייען ערשטן קערן!..."

• • • •

אין שטעטלעך ארום מ׳האָט דאָך ווייבער און קינדער,
מ׳איז דאָך שוין יאָרן פארוואָרצלט גלידער,
מ׳דאוונט, מ׳קהלט זיך, מ׳מסחרט אינאיינעם—
ווי פארשווינדט מען פלוצים אין א טאָג א שיינעם?
נו, מאניעט דאָס נייע, נאָר ס׳קלאפּן די הערצער:
ווי רייסט מען זיך אָפּ פון ברידער און שוועסטער?
מ׳האָט אינאיינעם געטאנצט אויף א שמחה, א חתונה,
געליטן פּאָגראָמען, מיט קינדער דערשאָסענע;
מ׳קען ווי דאָס לייב יעדן שטעג, יעדן שטיין—
ווי לאָזט מען עס איבער אייגן בלוט און געביין?...

נאָר ס׳לאשטשען די דערפער, די גרינע און זאטע,
מ׳איז שוין פון שווערער פרנסה פאַרמאַטערט.
מ׳לעכצט נאָך דער ברכה פון פעלדער און בלי,
נאָך תבואה און פרוכט פון דער פויערשער מי.
די ערד איז געבענטשט דאָ, ס׳כשופט מיט רייץ
די זאטקייט פון האָבער און גערשטן און ווייץ.
איז ווער מען מיט גראָשנס, וואָס מ׳האָט אָנגעקליבן,
פארלאָזן דאָס אלטע—און גאָט וועט פארגיבן...
די ערד, זי האָט זאפט, און דער הימל איז בלאָ,
וועט מען בויען א ישוב אין א גוטער שעה.

ב

## אין פּריצס הויף

קומען צענדליקער יידן אויפן פּריצס ערד
צו כאַפּן די „מציאה", וואָס איז דאָ באַשערט.
מ'צערטלט די ציכטיקע בערד ביז די שפּיצן,
מ'חקרנט, מ'חלומט, די אויגן אַזש בליצן:
דאָס לאַנד דאָ מיט מילך און האָניק טוט רינען,
און דער פּריץ איז רייך און קען אַלץ זיך פאַרגינען...
נו, שטייט מען דאָ ביי דער טעראַסע, דער ברייטער,
און יעדער אין „הויף" איז אַ וואַכער, אַ גרייטער.
„אָ, פּריץ, זיי גוט!"—בעטן, פּלאַטערן שטילע
די יידישע הערצער אין אַן ערלעכער תּפילה.

און אָט קומט אַרויס דאָ אַ קורצער, אַ פעטער,
דער פּריץ אַליין, און דאָס בערדעלע גלעט ער.
מיטן בויך הויך פאַרשפּיצט און אין מויל אַ ציגאַר,
און בלאָזט אָן די באַקן, ווי ס'שפּאַנט דאָ דער צאַר.
נו, כאַפּט מען פאַרציטערט די היטלעך אַראָפּ,
מ'שפּירט נאָך, מ'גלאָצט און מ'האָפט אַלץ צו גאָט.
און ס'זיצט ביי אַ טיש אַ חנעוודיק מיידל,
און קוקט אויף די קויפערס אַזוי ליב, אַזוי איידל.
און דאָ בלאָזט דער פּריץ די פּיסקעס שוין אָן,
און רעדט צו די יידן אָט ווי פון אַ טראָן.

„יידן, קויפט ערד און נעמט בויען אַ שטאָט,
אַ שטוב און אַ גאַס און אַ שול און אַ באָד;
און אַ מאַרק און קליינן פון אַלערליי סאָרטן,
און פאַרפּלאַנצט אויך אַ בוים און פאַרזייט אויך אַ גאָרטן.

איך נעם ניט קיין פאָדעם ביז א בענדל פון שוך,
ווי אברהם האָט געזאָגט אין אייער הייליקן בוך.
איר בויט אויף מיין ערד און אייך קאָסט ניט קיין דרייער,
איר צאָלט פאַר דער ערד נאָר א יערלעכן שטייער...
פאַרקויפן אויף אייביק די ערד האָב איך מורא—
דאָס איז דאָך פאַרווערט אין אייער הייליקער תורה..."

דער פריץ בלייבט שטיל און שטייט שטייף ווי א מויער,
און יידישע אויגן גיסן־אָן זיך מיט טרויער.
עס שיינט און עס כישופט דער ליכטיקער מאָרגן—
נאָר שטיל קוקן יידן זיך איבער מיט זאָרגן:
די שטייערן קענען דאָך וואקסן אָן שיעור,
און צאָלסט ניט—איז נעמט ער די די שטוב צו ביי דיר.
דו בויסט אויף א שטוב און א שפייכלער, פאַרמעגנס—
און ס'לויערט סכנה, ווייל די ערד איז ניט אייגנס..."
נאָר ס'לאָזט זיי דער יחוס־מאַן לענגער ניט זאָרגן,
און פעסט רופט זיין געמבע אין פרישן פרימאָרגן:

„יידעלעך קלוגע, וואָס שטייט איר באַ'צער'ט?
פון פעלדער און גערטנער מ'ווערט קיין מאָל געגאַרט.
עס וואַרטן די תבואות און פרוכטן אַרום,
און דער פויערשער מאַרק און דער האַנדל־געזשום.
אָ־אָ, וועט דאָס מזל אייך שיינען צעהעלט,
איר לעבט און איר שאַרט דאָ אָן זעקלעך מיט געלט;
און איר קענט דאָך מיין יחוס, מיין איידעלן שטאַם,
איר געניסט פון מיין חסד און לעבט זיך געראַם...
גייט־צו צו דעם מיידל און פאַרשרייבט אייער נאָמען,
און בויט זיך א שטעטל און פאַרמערט אייערע זאָמען..."

צוערשט האָט געריךט זיך ר׳ שימעלע ווייס,
ווי א „קריעה״ אָפּגעריסן פון באַזוניקטן אייז;
א נידעריקער ייד, מיט א באָרד ברוין און ברייט,
מיט צעוואָקסענע ברעמען אויפן שטערן צעשפּרייט.
ער נעמט שפּאַנען העלדיש, מיט מוטיקע טריט,
ווי א סאָלדאַט וואָס שפּאַנט און זינגט־אויס א ליד.
זעען יידן ר׳ שימעלע גייט אויף די טרעפּ,
גיט מען אויך זיך א לאָז מיט געהויבענע קעפּ.
אין הארצן עס מישט זיך אי האָפענונג, אי וויי,—
נאָר ס׳וואַרעמט דער חלום און מ׳שטעלט זיך אין ריי.

ג

# די אסיפה

קומען יידן צעשטראַלטע אין שטעטלעך צוריק—
אַ גדולה! אַ גליק!
פאַרגעסן די זאָרגן, נישטאָ קיין פאַרדרוסן—
ס'איז שמחה וששון!
שבת אין שול מ'זינגט שבחים צו גאָט—
צו זיין גרוים גענאָד!
און באַלד נאָכן דאַווענען פאַרן ישוב דעם נייעם—
מ'טרינקט אַ „לחיים".
אָ, די פרוכטבאַרע סביבה אַרום פריצס ערד
איז פון גאָט באַשערט!

און ס'האָבן חלומות אין הארץ זיך באַזעצט,
ליכטיק און פריש;
מיט שטערנס, מיט הויכע, מ'האָט זיך געזעצט
אין שול אַרום טיש.
אַן אסיפה פון יידן... אין ענגשאַפט און לייד
מ'לעבט אָפּ די יאָרן:
און דאָ—פרישע קוואַלן פון רחבות און פרייד,
און פעלדער פון קאָרן!
זיצן דאָ יידן און רעדן ביינאַנד
פון נייעם שטיק לאַנד.

רופט זיך אָן דער שיינער גביר ר' נפתלי,
ער בלאָזט זיך, הוסט אונטער, און רעדט זיך פּאַוואָליע:
„אַז מזל און שפע זאָל דאָרט ניט זיין קאַרג,
מוז דער ערשטער בנין דאָרט זיין דער מאַרק.

מיט קלייטן און שטעלן, ווי ס׳פּירט זיך ביי יידן,
אז דער פויער פון דאָרף זאָל דאָ קומען אויף יארידן,
מיט מילכיקס און תבואה און פּרוכט אין די קױשן,
און זאָל אלץ אויף לאַפּטשע און גארניטור אויסטוישן.
און יידן זאָלן האנדלען כדין וכדת,
און ברכה זאָל הערשן אין שטוב און אין גאס.״

מיט אַן אָטעם, ווי ער שלעפּט א שווערן וואָגן,
מאכט א צווייטער לאמור, אזוי צו זאָגן:
„כ׳בין א פּשוטער סטאָליער און ניט קיין גביר,
כ׳הובל די ברעטער, מאך א פענצטער, א טיר.
כ׳גלייב, אז נאָך טייערער ווי ברויט, די חיונה,
דארפן מיר האלטן די יידישע אמונה.
דער מארק איז אונדז נייטיק, פּרנסה איז טייער,
נאָר פאר דער אמונה מיר שפּרינגען אין פייער.
כ׳רעד ניט געהובלט, ווי א פּראָסטער באָרמילע—
אָבער, יידן, לאָמיר קודם בויען א בית־תפילה.״

„געדעכט זיינען ביידע, ר׳ נפתלי און אפרים—
אלה ואלה דברי אלוהים חיים״—
שטייט־אויף זישע ראָבעל מיט א באס־קול און הויך,
און שפּארט־אָן אויפן טיש דעם קיילעכדיקן בויך.
„אין דער תורה נישטאָ איז קיין פריער און שפּעטער״—
מיר לערנען און האנדלען און ס׳איז גאָט אונדזער רעטער.
מיר בויען א מארק און א שול אין איין צייט,
און מיר האָבן פּרנסה און זיינען פרומע לייט.
רבותי, אָ וועט דאָס א שטעטעלע זיין,
מיט זאטקייט און רו, און מיט רעגן און שיין.״

זאָגן אלע ווי איינער, ווי מ'זינגט אין א כאָר:
„אוי, רעדט ער ר' זישע, לאָמיר האָבן אזא יאָר!"
זאָגט איינער: „ס'א פסק ווי פון א גרויסן רב,
ר' זישע אז ער זאָגט, איז עס הנה מה טוב."
און א צווייטער, א גבאי פון אן אלטער שול:
„פשש... ר' זישע איז מיט תורה פול..."
און ווי ביימער מיט געדיכטער בליאונג אין ווינט,
עס רוישט און באוועגט זיך יעדער ייד ווי א קינד.
„וואו תורה, איז קראָכמעל"—זאָגט דער סטאָליער אפרים--
נו, שפּרייט שוין דאָס טישטעך, לאָמיר מאכן א לחיים!"

און מ'ווינטשט זיך, מ'רוישט, מ'גאַגאַטשעט ווי גענדז,
און מ'רעדט, אז אין שטעטל איז אָן קאָנקורענץ;
ווייל מיר האָבן איין פאָטער הזן את הכל,
און ער נערט די נשמה און זעטיקט דאָס מויל.
און מ'קושט זיך ווי ברידער, מיט נחת און שפּאַס,
און דאָס סטאָליערל גיסט אין זיך, ווי אין א פאַס.
„אז ר' זישעלע—שרייט ער—זאָגט-צו צו זיין פרום,
איז, גלייבט מיר, ס'האָט די ווערט כקליפּת השום".
און אזוי האָט זיך פארענדיקט די אסיפה ביי יידן,
און מ'צעגייט זיך בשלום און זאט און צופרידן.

ד

# יידן בויען

און די נחלה איז די יידעלעך וואויל געפעלן,
און יעקב האָט געגומען געצעלטן אויפשטעלן.
די ערד איז פארוויסט, ניט צעאקערט, פארלאָזן,
מיט שטעכלקעס, דערנער און פארווילדעטע גראָזן.
נאָר אין הארץ מ׳האָט גלויבן, און אין הימל מ׳האָט גאָט,
איז רייסט מען אוים דערנער און מ׳לייגט א יסוד.
מ׳ארבעט, מ׳פרייט זיך מיט רויש און געזאנג,
און מ׳הייבט־אויף די אויגן צום הימל מיט דאנק:
„א לויב, זיסער טאטע, מיר טוען דיר געבן,
און באשיץ דאָ אויף אייביק אונדזער לייב, אונדזער לעבן.״

און ווי ברידער געטרייע מען מאכט א תקנה:
קאָנקורענץ טיר ביי טיר איז די ערגסטע סכנה.
מ׳וועט אָפּשטויסן דעם, און אים לייגן אין חרם,
וואָס וועט קריכן א צווייטן אין יענעמס געדערים.
א קלייט ביי א קלייט מיט דער אייגענער סחורה,
איז „הסגת גבול״ און איז קעגן דער תורה.
מיר בויען ווי יידן און לעבן ווי ברידער,
אין פריידן, אין אחדות און אָן קידער־ווידער.
ס׳האָט יעדער ייד זיך זיין אָרט אויף דער ערד,
און נעמט וואָס גאָט גיט און וואָס איז אים באשערט.

• • • •

הילכן עכאָס אין די פעלדער—
האמער־קלעפּ,
און דער בריאזג קלינגט־אָפּ אין וועלדער,
ווי אין סטעפּ.

האמער, זעג און אייזן, שטיין—
און א ליד.
א נייע וועלט—א חלום ריין
אין יעדן גליד.
הערט דער הימל לויב און דאנק—
הארץ-געזאנג.

• • • •

ס׳האָט דער פריץ פארווערט מ׳זאָל בויען דעם מארק,
נאָר די הויפטגאס פריער;
ס׳זאָל ניט זיצן דער ייד אויפן פויערס קארק,
און שלעפן צו דער טיר...
דער מארק וועט זיין אָפן פון הינטערן שטעטל,
אויפן ליידיקן פעלד;
און דער פויער וועט קענען זיך גיין נאָכן מארק
וואו אים געפעלט.
ער גייט נאָכן מארק דורך קראָמען זיך שטיל,
און קויפט וואו ער וויל.

• • • •

שטייט פיניע דער בעקער, א נידעריק יידל,
אויף צעגראָבענער ערד,
מיטן דאשיק צום הימל פארשפיצט,
און שמייכלט אין דער לאנגער, שמאָלער,
צעפּאטלטער באָרד פארקלערט,
און דאָס פנים, דאָס צעפּארעטע, שוויצט.
ר׳ פיניע איז דאר, נאָר זשוואַוו איז דער ייד,
און קנאָכיק און שטארק—
זעקס בנים ער טראָגט אויפן קארק.
צוויי שוין ביים אויוון, צוויי נאָך אין „חדר"
און צוויי דאָ, קיין עין-הרע,

בײ האָלץ און בײ ציגל און לײם;
הײ, מײנע בנים, מיט אײזערנע הענט און
צעװושעטער גבורה
מיר בויען אן אײגענע הײם!

און בערקע דער קרעמער, מיט דער מיטעלער װאוקס
און די ברײטע בײנער,
ער חשבונט און צופט זיך די באָרד;
ער שפּאַנט דאָ אַרום מיט חלומות אויף ברעטער
און אײזנס און שטײנער
מיט זײן זון, און געפינט ניט קײן אָרט.
דרײ גויים דאָ בויען, און מעסטן און קלאַפּן און טעסן
און שמירן,
און ער װײזט דעם בכור אויף דער האַנט:
„דאָ איז די שטוב, און די קיך און די קראָם און די װענט
און די טירן —
א קרעמער מוז האָבן פאַרשטאַנד...
איז בױ דאָ דײן מאָרגן מיט װײב און מיט קינדער
אין זעט און אין פרידן,
װעסט זײן א גביר נאָך בײ ייִדן...״

• • • •

און אין דרויסן איז פרילינג, די זון גיסט מיט גאָלד,
װי גאָט װאָלט די מידע באַלוינען געװאָלט...
און ס׳שײנט און ס׳װאַרעמט, די זון איז ניט קאַרג,
און זײדענע װינטעלעך בלאָזן פון באַרג.
אין דער װײט שטײט א בוים מיט א שאָטן, א בלאַט —
אָ־אָ, װען מיר װאָלטן דאָ בײמער געהאַט!...
נאָר ס׳כישופן פעלדער און גערטנער אַרום,
און מ׳שעפּט פרישע לופט און עס אַרבעט זיך פרום.

„נו, אַרבעט דאָ, יידן, לייגט־צו די ידים,
מיר וועלן דאָ האָבן מטל השמים!״

און מויסעי דער אַפּטייקער, אַ מיוחס אַ ייד,
גייט אַרום דאָ אַ הויך־אויסגעשטרעקטער און זידט.
מיט באַקן געגאָלט, מיט אַ בערדל פאַרשפּיצט,
ער בלאָזט־אָן דעם גוידער, קוקט ערנסט און זיפּצט:
„ראַבאָטניקי, וויעם דיען, אָ וויעם דיען פּאָיוט...
באָלטאַיוט, איגראַיוטסאַ, אי דיענגי בעררוט...״*)
מ׳געניצט...זעקס אַרבעטער...אַ שאַנד און אַ שפּאָט...
און וואו איז דער יושר פון „ראַבאָטשי נאַראָד?...״
און די אַרבעטער שמייכלען, און די זון וואַרפט מיט גאָלד,
ס׳האָט גאָט אויך אַזאַ מענטש באַשאַפן געוואָלט...

און ר׳ שלמהלע פעלדמאַן שפּאַצירט מיט פּאַראַד,
אַ נגיד אַ ייד, פון געהילץ האָט אַ סקלאַד.
אַ בויך אָנגעפּאַקט רוקט פאָראויס זיך פּאַמעלעך,
און דער נגיד שטעלט טריטעלעך פּונקט ווי אַ מלך.
אַ יידל, אַ פּעסל, אַ שמייכעלע זיס,
אַ צעוואָקסענער קאָפּ און מיט קורצינקע פיס.
מ׳אַרבעט... ער שפּאַנט און שפּירט נאָך, ווי אַ קאַץ,
און כיבעט, ער זעט שוין זיין נייעם פּאַלאַץ...
נאָר אַ וואוילענקער ייד, ער גיט צדקה גענוג,
ווי ווייַן וואָס מ׳גיסט פון אַ פולן קרוג.

• • • •

און ס׳זעצן די האַמערס, און ס׳רוישן די זעגן
מיט האַרציקן קלאַנג;

---

*) אַרבעטער... אַ גאַנצן טאָג מ׳זינגט און מ׳קוועלט,
מ׳פּלאַפּלט, מ׳שפּילט זיך, און אַבי מ׳נעמט געלט...

און ס׳חלומען ייִדן פון טוי און פון רעגן
און הײמיש געזאַנג.
עס װעלן דאָ אונדזערע קינדער זיך מערן
מיט „פרו און רבו״,
און גאָט װעט פרנסה בכבוד באַשערן—
אי שפע, אי רו.
און ס׳װיקלען זיך דורות פון בנים, בני בנים,
ביז אחרית הימים...

• • • •

שײַנט די פרילינג־זון אַרונטער אויף דער ערד,
װי זי װאָלט װיסן װאָס אַ ייִדיש האַרץ באַגערט.
שטײען טעג דאָ שטראַליק־אויסגעצירט און פּרעכטיק,
װי גאָט װיל װײַזן דאָ זײַן האַנט װי זי איז מעכטיק.
און דרײַ צענדליק ייִדן זײַנען דאָ צעשפּרײט,
פאַרבינדן זײער גורל אין פרײדן, אָדער לײד.
און אַלע מאָל מ׳גאַרט צו זען אַ צװײטן ייִדן:
צי בױט ער מיט חכמה? צי װעט ער זײַן צופרידן?
און ס׳ברױזט די פרײד און ייִדן שרײַען אָפּט זיך איבער:
„ר׳ חיים, באַלד מיר פּראַװן שמחות אין די שטיבער!״

• • • •

און ס׳זעצן די האַמערס, און ס׳פּראַצעװן הענט,
און מ׳שטעלט־אויף יסודות און ס׳װאַקסן די װענט.
און מ׳קהלט זיך, און ס׳שטײען אין אַ „רעדל״ שװין ייִדן,
און מ׳גלײַכט־אויס דעם ייִדישן רוקן, דעם מידן:
„נו, ברידער, לאָמיר רעדן פון אַ חשובן ענין;
מיר דאַרפן דאָך האָבן אַ שולכל, אַ מנין!״
בײַם „רעדל״ אַ װאָרט זאָגט ישׂראל דער בעדער,
פון פאַרע פאַרטריקנט, און גרינג װי אַ פעדער.

דער בכור האָט זיין אלטע באַד איבערגענומען,
איז וויל ער א שמעק טאָן צי ער זאָל אהער קומען...

און דאָרטן מיט טריטעלעך דריבנע און גיכע,
א שוחטל בויט, ערשט באקומען זיין סמיכה:
אַן אויסגעקעמט בערדל, איז אויסגעצערט, איידל,
אַן איידעם אויף קעסט איז דער יונגער ר׳ זיידל.
א יידעלע—תמימות, פון זייד און פון סאמעט,
ער קען זיין א שוחט, א מוהל, א מלמד.
א למדן, מיט מידות, מיט יידישע זיטן,
און האָפט אז די יידן וועלן כשרות דאָ היטן.
מיט יידישע פועלים פינף אין צאָל,
ער בויט זיך שטיל דאָ א בית בישראל.

איז טיף-בלוי דער הימל און לויטער די טעג,
און ס׳טרעטן-אוים יידן צו שפע א וועג.
ס׳איז פול די נשמה מיט שירה און לויב,
ווי פון פייגל, אנטלאָפן פון נעץ און פון רויב.
און ביים סוף פון דעם טאָג, ווען די נאכט נעמט ארום,
איז דאָס הארץ איבערפול, און די צונג איז שטום.
ס׳וועט זיין שוין א מאָרגן, א נייע קהילה—
„אוי, המעריב ערבים״, גיסט שטיל זיך א תפילה.
און מ׳נעכטיקט אין נאָענטן דאָרף לעבן פריץ—
„אוי, גאָטעניו, גיב אונדז ממשמני הארץ!״

ה

# דער מאַרק

שטייען הייזער אין הויפטגאַס, אין נייער, צוויי שורות,
און שיינען קעגן הימל מיט חן,
און ס׳גייען שוין אויף דאָ ניגונים און זמירות
פון יידישן לייב און געביין.
נאָר ס׳דארפן דאָך יידן פרנסה און נארונג,
גאָט׳ס „הייליקע שעפעלעך״ נערן,
איז גלייך מיטן אויפבוי געוואַקסן די גאַרונג
דער פויער זאָל היימיש דאָ ווערן.
און מ׳האָט מיטן פריץ זיך דורכגערעדט,
און ס׳האָט שוין דער מאַרגן געגלעט . . .

• • • •

ניט וויט פון די קלייטן פון פרוכטן און ברויט,
פון אפטייק מיט די פּראָשקעס, וואָס מ׳וועגט אויפן לויט,
פון מילכיקס, פון צעלניק, פון פלייש און פון אייזן—
דאָרט ליגט א שטיק פעלד, וואָס איז טרוקן, פארלאָזן.
ווערט דאָנערשטיק זיין דאָ יעדע וואָך א יאריד,
א מארק א געדיכטער, וואו ס׳קאָכט און ס׳זידט.
און פויערן קומען מיט פערד און מיט אָקס,
און מ׳ברענגט דאָ די תבואה, דעם וואָל און דעם פלאקס.
און מ׳ברענגט דאָ די שפע פון דער פעטער ערד—
יאָ, מזל און ברכה איז דאָ יידן באשערט.

און אזוי איז געווען. און עס שטעלט זיך א מארק—
אָ, די ערד, די געטרייע, זי איז קיינמאָל ניט קארג!
פון דערפער די פויערן זיינען געקומען,
מאָלדאוואנעס, מיט א הויכן און גראָבן ברומען.

בײַ די זײַטן, מיט אײַער, אין טיכער מיט קלײַען,
זיצן גויעס אויף דער ערד אין לאַנגע רײַען.
און פּויערן אויף װעגענער, און װאָס נאָר מ'זוכט,
און מ'שרײַט ביזן הימל: „אוי, קויפט, מענטשן, פּרוכט!"
און ייִדן, זײ קוקן און שמײכלען און קװעלן,
און לײגן־אויס סחורות אין מאַרק אויף די שטעלן.

און אַלץ װערט פאַרקויפט דאָ, און אָקסן און פערד,
װאָס דאָס מויל רעדט נאָר אויס און דאָס האַרץ באַגערט.
קוקורוזע און סמעטענע און ברינדזע און קאַש,
פון אַ נאָדל, אַ שפּילקע, ביז אַ לעדערנעם טאַש . . .
און ס'קװיטשען די גויעס און ס'קרײַען די הענער,
און ס'ריטשען חזירים אויף די העכסטע טענער.
און ס'רופן אויס סחורות די קרעמער, די נײַע—
אַ געמיש, אַ געפּילדער פון מענטש און פון חיה.
און די זון אויפן קאָפּ, און געלעכטערס און שפּאַסן—
אַ דאַנק דיר, מײַן גאָט, ס'איז דער מאַרק הײַנט געראָטן!

און ס'שטופּט זיך דער מענטש מיט געיעג און מיט זשום,
גאָט'ס זאַטקײט איז אויסגעשפּרייט דאָ אומעטום.
קאַרטאָפל און ציבעלע עם שטייט פולע זעק,
און פעפערס און בוריקעס ס'ליגן דאָ פעק.
אַ פעסל, און צעשניטענער הערינג אויף ברעט,
אַנטקעגן, ליגט חזיר־פלייש גלאַנציק און פעט.
און ס'װעגט אויף אַ װאָגן אַן אַלטיטשקער גוי
פלוימען, באַדעקט מיט דער פײַכטקייט פון טוי.
און צעהירזשעטע פערד רײַבן האָבעריק, שטרוי,
װי אַבֿרהמס קעמלען בײַ בתואל דעם „גוי" . . .

און דאָרט שטייט א כאם מיט א צעפּלעטשטער ניאַניע,
ס'האקט אים וואלף קרעמער אין דער גראָבער דאָלאָניע;
דער פויער, ער דינגט זיך ביים גאלאנטעריי,
ווי די הון, וואָס קוואָקעט און לייגט קוים דאָס איי.
און ס'הילכן די קלעפּ, אז די הויט קען אזש פּלאצן,
נאָר דער קונה הערט ניט אויף די פּאטילניצע קראצן...
ס'האָט דער ייד א שטיק קראָם דאָ, און ס'העלפט אים דאָס ווייב—
„אוי, פּרנסה, פּרנסה!"—עס בעט זיך דאָס לייב.
און ס'הודזשעט דער מארק און מ'קריכט פון דער הויט:
„מיטן שוויים פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט".

מ'גייט צווישן וועגענער, אָקסן און פערד,
און מ'טרעט אויף דער באליגע*) און מיסטיקער ערד.
ביי א שטעלכל פון צירונג א שפּיגעלע העלט,
ס'קוקט א מאָלדאוואנקע זיך אָן און זי קוועלט.
זי שטעלט-אָן די ליפּן און מאכט העוויות—
„ס'האָט גאָט איר געגעבן א פּנימל—א חיות!
זי קויפט איין דאָ פּאטשערקעס, ווי א ווייב פון א שררה:
„איר וואסיל וועט שוין ווערן נאָך איר די כפּרה..."
„פּימעי**)—קוועלט דער קרעמער, און די אויגן ביי אים ברענען—
דו שיינסט, אָ, דיין מאן וועט דיך גאָרניט דערקענען..."

און דער הימל איז לויטער, און דער טאָג איז צעהעלט,
און א הערלעכע פרילינג-זון שיינט אויף דער וועלט.
און ווינטעלעך פרישינקע בלאָזן פון פעלד,
און ס'זשומעט דער מענטש און ער פרייט זיך און קוועלט.

*) באליגע—פערד-אָפּפאָל.
**) פּימעי—ווייב, פרוי.

אונ ס׳גיסט זיך א זיסקייט אין אלעמענס ביינער:
ווי גוט ס׳איז צו לעבן אויף דער וועלט, דער שיינער!
און אלץ האָט דער מארק, וואָס דאָס הארץ נאָר באגערט—
אָ, די שפע און ברכה אויף בעסאראביער ערד!
און ס׳דאנקט די נשמה מיט התלהבות און ברען—
ס׳איז דער ערשטער יאריד אין דעם שטעטל אונגען.

אויף א ברייטן שטעלכל, א הויך־אויסגעבעטן,
ליגן קופּעס הויזן, רעקלעך, זשילעטן.
א סחורה דאָרט מעסט אָן א היפּש־פּעטער פּויער,
א קערפּער צעוואקסן ווי א ברייטער מויער.
אויף די הויזן ער מעסט פּאנטאלאָנעס איצט אָן,
און קוקט תמעוואטע זיין ווייבעלע אָן.
דער קרעמער רייסט הינטן ביים פּלייש אים, ביים גראָבן:
„העי, רוים פּאר מער פּלייש וועט דיין זאָדעק איצט האָבן!"
דאָס ווייב טאַפּט די פּלוידערן און רעדט אים שוין צו:
„אָ, יאָ, פּיינע הויזן... נו, סלאווא דימניאדזו*)."

• • • •

„העי, ליודי! העי, ריבא**)!... קאראס!... קאראס!..."
טראָגט ווייט זיך א קול מיט א גראָבן באס.
און עס שטייען דריי קוישן און עס ווארפן זיך פיש,
קארפּ, קאָסטריש און פּלאָטיק—א גאנצער געמיש.
און פּעטיא דער הויכער פון דער כאטקע ביים טייך,
מיט א וואָג אין דער האנט, אזוי אויסגעשטרעקט, גלייך,
איז באלאגערט פון קונים, און ס׳שטיקט און ס׳איז היים—
„העי, קאָרעסן! פּלאָטיק!" און ער ווישט זיך דעם שוויים.

---

*) סלאווא דימניאדזו—אַ דאַנק גאָט.
**) העי ליודי! העי, ריבא!—העי, מענטשן! העי, פּיש!

און קארפּן און קאַרעסן, די פיינסטע פיש,
קויפן יידישע ווייבער פארן שבתדיקן טיש.

• • • •

ווען דער טאָג איז צו נעילה, עס שטייען נאָך שטעלן,
און ס׳דאכט זיך ווי אונטערגיין די זון וואָלט ניט וועלן.
ווי אמאָליקע טעג אויף יהושועס געבאָט—
אוי, די נסים פון הימל, דער גרויסער גענאָד!
מען פירט איצט אהיים פונעם מארק דאָס פארמעגן,
און מ׳חלומט פון גאָלדענע טעג אויף די וועגן.
און ס׳גיסט זיך פון הארצן א תפילה, א לויב:
„אָ, מ׳האָט ניט די ווערט דאָס, דער מענטש איז דאָך
שטויב . . .
יאָ, א דאנק דיר, גאָט, פאר דעם ווייץ און דעם קאָרן—
ס׳איז א שטעטל מיט מזל געבוירן געוואָרן.״

ו

# יידן רעדן פון אַ בית־תפילה

אז ס׳האָט גאָט אזא ערשטן יאריד באשערט,
האָבן יידן אים געאַכפּערט און געלויבט זיין ווערט,
און ניט געקענט דאָס צעפלאַמטע הארץ איינשטילן,
ביז מ׳האָט זיך פאַרוויקלט אין טלית און אין תפילין.
און ניט אין אַ „מנין״, וואו גאָטס ליכט ברענט שוואַך,
נאָר אין אַ שיינער בית־תפילה מיט יידן אַ סך.
ניט שטיין ווי פאַרנעבעכט, פאַרשעמטע און שטילע,
נאָר שבת זאָל דאַווענען אַ פיינער בעל־תפילה.
אז דאָס הארץ זינגט שבחים, מ׳איז דעם בורא געטריי,
וויל מען הערן אַ חזן ביי „נשמת כל חי״.

אז נארונג איז דאָ, מ׳איז זאַט און פול,
האָבן יידן געשטעלט זיך בויען אַ שול.
נאָר פריער מ׳מוז אַן אסיפה דאָך האָבן,
האָבן יידן אין אַ שטוב זיך צונויפגעקליבן.
שטייט־אויף דער שוחט, אַ ייד אַ איש תמים,
ער רעדט מיטן לשון פון „שפתי חכמים״.
און ער בראָקט אויך אריין די ווערטלעך פון משנה,
און זאָגט צו די יידן אזוי, כּהאי לישנא:

„יידעלעך טייערע, צי יונג, צי אַלט—
„ס׳איז דער מענטש באשאפן אין גאָטס געשטאַלט״.
איז מה—דאָך דער מענטש, מכל־שכן דער ייד,
וואָס צו לויבן זיין נאָמען מיר ווערן ניט מיד.
איז אָן אַ בית־מדרש מיר האָבן ניט די ווערט,
וואָס מיר גייען ארום אָט־אַ־דאָ, אויף גאָטס ערד.

ווייל די העכסטע מדרגה צו דערגרייכן דעם בורא,
איז די הויכע מדרגה „בנים עוסקים בתורה".
עס דורשט די נשמה צו זינגען גאָט שבחים,
צו האָבן א בית-תפילה, און גיין אין גאָטס דרכים.
זאָל יעדער מנדר זיין וויפל ער קען,
און מיר בויען א בית-מדרש, בעזרת השם."

„רבותי, רבותי—רעדט ווייטער ר' זיידל—
און ער זוכט-אויף אין קאָפּ א פּסוק, א דריידל;
לאָמיר בויען א פרום יידיש שטעטל, רבותי!
איר געדענקט די רייד פון דעם תנא ר' יוסי?
„מיט א ים פון גאָלד ווען מ'זאָל מיך באַלוינען,
ווייל איך אין אן אָרט פון תורה נאָר וואוינען..."
וואו מיר עסן ברויט, דאָרט גיבן מיר תרומה,
ס'א הייליקער מנהג ביי דער יידישער אומה.
„והיה באכלכם"—איז דער פּירוש אזוי:
וואו מ'עסט נאָר לחם, איז „תרומה לאדוני"...
איז ווידער: גיט יעדער נאָר וויפל ער קען,
און מיר האָבן א בית-תפילה אין שטעטל אונגען."
און שטיל און פרום פאַרענדיקט זיין וואָרט,
און ס'זעצט זיך דער שוחט צוריק אויף זיין אָרט.

דאָ שטייט-אויף ר' שלמה, פון געהילץ-סקלאד דער ייד,
מיט א פּנים צערויטלט און א פאַרוואָלקנט געמיט.
ווען דער שוחט האָט גע'דרשנ'ט און די דרשה צעצויגן,
האָט ר' שלמה זיך געבלאָזן און געבליצט מיט די אויגן:
„א שוחטל א קבצן, אזא ווילדע בריאה,
שטייט-אויף, נעמט אליין זיך די ערשטע „עליה"!
אן אויסגעצערט נפשל, און וואָס ווייסט ער, וואָס?

און רעדט מיט א טאָן פון א שטאָט-באַלעבאָס! . . ."
און קהל זיצט שטיל זיך, אין שלווה, אין פרידן, און—
וידבר, ר' שלמה האָט גערעדט צו די יידן:

„יידן, די תורה איז א טייערע זאַך,
נאָר צו בויען א שול דאַרף מען געלדער א סך.
ווען ס'האָט ניט דער שוחט די חוצפה אָן שיעור,
וואָלט צום ערשטן גערעדט איצט א נדבן, א גביר.
נאָר דער האר פון דער וועלט האָט דאָך מיך געבענטשט,
כ'בין א ייד א גביר און א וואוילענקער מענטש,
מיט גאָט אין מיין הארצן און מיט יושר א סך—
בין איך מוחל דעם שוחט און גיב טויזנט ר"ך."
מיט א שמייכעלע זאט, מיט א צעגלאַנצטן בליק,
עס זעצט זיך דער נגיד אנידער צוריק.

דאָס טייערע הארץ פון דער אייביקער אומה,
די ליכטיקע, כשרע, ריינע נשמה...
ס'האָט א נדבן געגעבן א שיינע נדבה
אויף דאַווענען און „אמר אביי ורבא",
איז שטראַלט שוין און זינגט יעדער יידיש געמיט:
„אָ, פול מיט גענאָדן און גוטס ס'איז דער ייד!"
מ'איז ניט ווי דער „גוי," וואָס ער שלאָגט נאָר און טרייבט—
„א ייד כאָטש ער זינדיקט—א ייד פאָרט ער בלייבט..."
„זאָל גאָט דיך באַשיצן אין שטוב און אין פעלד,
אז אייביק דיין מזל זאָל שיינען צעהעלט!"
און ס'גיסן זיך ברכות אויף ר' שלמהן אָן שיעור,
ס'האָט א גוטן, „פּאָטשאַטעק" געמאַכט דער גביר.

און צעפלאַמט פון טיפן גלויבן,
און מיט לייב און לעבן,

אין מיט שמחה און דערהויבן
הייבט זיך אָן דאָס געבן...
אין בית-מדרש שמידן יידן
גבורה און קדושה,
און ווייטער ווילן לעבן יידן,
היטן די ירושה.

און ס׳זיינען נדרים
אלץ העכער געשטיגן,
ס׳גיט יעדערער מער ווי ער קען.
אָ, באלד וועט זיך הערן
דער הערלעכער ניגון:
אוי הודו, אוי הודו לאדושם.

און ס׳גלעטן די יידן
די בערד זיך און קלערן:
פון אומות—דער ייד איז דער שענסטער...
און ס׳שיינען צופרידן
לבנה און שטערן
אריין דורך אָפענע פענצטער.

• • • •

נאָר ס׳איז נאָך ניט רואיק די קליינע קהילה—
און כלים פאר דער בית-התפילה?
אן עמוד, א שולחן, א לייכטער, א מנורה,
אן ארון, און א ספר-תורה;
א באנק און א שטענדער, א הענג-לאָמפּ אויף קייטן
א טישטעך א ווייס און מיט קווייטן;
א כיור צו וואשן די הענט צו דער תפילה,
ווען מ׳הייבט אָן דאָס שעפּטשען, דאָס שטילע.

די נשמה, די פרומע, זי דורשט צו די הייכן,
זי בענקט אלץ צו זינגען און לויבן;
איז באלד האָט מען ווידער פון הארצן, פון ווייכן,
מנדר זיין שטיל אָנגעהויבן.
„נתבעים ונותנים", א מקדש מ׳בויט,
א ביסל מנוחה געפינען,
א טרייסט אין די ביטערע צייטן פון נויט,
און גאולה־חלומות צו שפינען...

איז ווער ס׳איז מנדר א הייליקן ארון,
ס׳שוועבט דאָרט גאָטס ליכט און זיין כבוד;
און ווער ס׳איז מנדר א ניי בינטל ספרים,
די שיינע געזאנגען פון דוד:
און ווער ס׳איז מנדר א שולחן, אן עמוד,
צום דאווגען און לויבן דעם בורא;
און ווער ס׳איז מנדר פאר א „חברה משניות"
די טישן, צו לערנען גאָטס תורה.

די וועגן אויף דר׳ערד זיינען טונקל און שווער,
דער מענטש טוט פארגעסן אָן גאָט;
איז, ברוך השם, מ׳האָט די שול, א געווער,
ס׳איז א פעלדזיקער, פעסטער יסוד.
נו, בויט מען א שול, ס׳איז א הייליק געבאָט,
מיט מזל און גליק און אין פרידן;
זה השער לאדוני—ס׳איז א טויער צו גאָט—
און מ׳בויט א בית־תפילה ביי יידן.

ז

# דאָס שטעטל וואַקסט

וואַקסט אַ נייער ישוב אין דער לענג און אין דער ברייט,
קוקט צום הימל, ווערט אַלץ שענער, מערער אויסגעשפּרייט.
ס'טוט דער גורל ביטערער דאָס גלות־פאָלק ניט שווינען,
זוכן יידן שפּע און צווישן יידן וואוינען.
שטייט אַ הויפּטגאַס פול מיט קראָמען און עס הערשט
די ברכה,
נעמט שוין בויען זייטן־גאַסן דאָ דער בעל־מלאכה.
בויט מען שטיבער ענג און אָרעם, ס'פּעלט פאַר
קינדער רוים,
לאָזט מען גרעסער דאָ די הייפלעך און מ'פלאַנצט אַ בוים.

ליגט אין גאַס אַ בלאָטע, טיפע, לעבערדיקע וועגן,
זומפּ געדיכטער, טיף און קוואַטשיק, פונעם שווערן רעגן.
בויט אַ שטיבל יאָסל שניידער—אַ הויף, אַ גערטל בליט,
נייט ער פּעלצן און פּיזשאַק פאַר פויער און פאַר ייד.
קעגן אים האָט בערל שוסטער אויפגעבויט אַ שטיבל,
קוקט מען שטיל־פאַרבענקט זיך איבער אין די טעג,
די טריבע.
און אמאָל, מ'וואַרפט די אַרבעט, אויפגעפּראַלט די טיר:
„ברודער בערל, קום אַריבער, רעד אַ וואָרט מיט מיר!"

„וואָס־זשע טוסטו, ברודערקע? וואָס זאָגסטו אויף
דעם רעגן?"
און ס'קוקט דאָס וואַכע אויג אויף טירן אָפענע אנטקעגן.
„און דו, מיין ברודער יאָסל? זאָג, דו מאַכסט אויף
פּיצעריציע?"

אין מיטן ליגט די שמאָלע גאַס, די בלאָטיקע מחיצה.
נאָר ס׳קומט דער פויער פונעם דאָרף, און ס׳קומט אריין
א שכן,
און ווייב און קינדער זייַנען זאַט, און מ׳האָט אין גאָט
ביטחון.
דער שניידער נייט, דער שוסטער קלאַפּט די פלעקלעך
אין דעם שיכל—
„לחיים, ברידער!" מ׳גיסט אריין און מ׳בייסט נאָך צו
א קיכל.

און דאָ ניט וויַיט, אויף יאַסלם זייט, עס זעצט און
בליצט און זידט:
א קוזניע האַלט שוין דאָ דער גבר, דער הויכער
פּייוול שמיד.
ס׳טרעפט אמאָל, ער האַלט דער האַמער און בייז
ער הייבט אָן וואָרטשען—
נעמט אָפּרוקן דער פויער זיך און ציטערן און זיך
קאָרטשען...
נאָר ווייך איז פּייוול, דער קאָוואַל, איז אויך
א ווערטלזאָגער:
„עסט ווייניק שטיפטלעך, בערל, האָ? וואָס ביסטו
אזוי מאָגער ..."
דער שוסטער לאַכט: „אָ, פּייוועלע... א פיינער ליץ,
א רעכטער..."
און ס׳הילכט איבער דער גאַנצער גאַס אויך פּייוולס
גראָב געלעכטער.

אָ, דאָס חנ׳עוודיקע פאָלק! אָט שמידט דער שמיד
פּאָדקאָוועס,
און זינגט זיך צו א זמרל צום גאָט פון זיינע אבות.

ער האלט א פוס פון פערד, דערנעבן שטייט דער גוי,
דער וואָלאך,
און ס'זינגט פון שמיד ארויס „אשרי האיש אשר לא הלך".
און פרום איז פּיוול, גראָב די שטים, נאָר לויטער די נשמה:
„קיין ברויט נישטאָ? וועט מאָרגן גאָט באַשערן מיר
מסתמא..."
און—„יאָסל, שוין געדאַוונט היינט? פאַרגעס נאָר ניט
אין גאָט!"
און צוריק צו דער קאָוואַדלע און צום וואָגן און צום ראָד.

און שטוב און הויף, דאָס שטעטל וואַקסט, ס'מערן זיך
דאָ יידן,
מ'האַמערט, און מ'הערט ניט אויף דעם מאָרגן אַליץ
צו שמידן.
און לעבן שניידער ווערט א ברייטער הויף אַרומגעצוימט,
דאָ שניידט מען שטרוי, און, ווי א טייך, די סיטשקע*)
שטראָמט און שוימט.
ס'האָט שמערקע כלאַפ מיט זיינע פערד געעפנט
א „סיטשקאַרני"—
א ייד מיט א פאַרשטאַפּטן קאָפּ, ער קען נאָר „מודה אני".
א כוהן נאָך, און ס'בענקט דאָס האַרץ, פון דורות
קלינגט אין עכּאָ,
איז אָפט ער הייבט אין הויף די הענט מיט איין וואָרט:
„יברכך!"

און דאָ שטייט שמערקעס פיינע שטוב, מיט שטאַלן
און פעסטן מעמד,
דערביי, אין אָרעם שטיבל שטייט פון איצי־בער מלמד.

*) סיטשקע—צעמאָלן שטרוי, א מאכל פאַר פערד.

און ס׳מישט זיך אוים דער סיטשקע־שניט, דאָס רוישן
פון מאשינען,
מיט קולות פון די קינדערלעך, וואָס רוישן ווי די בינען.
„אוי, קינדערלעך—עס גלעט די באָרד דער דרדקי
צופרידן—
אז וואויל אייך, קינדער, וואָס איר זענט געבאָרן
געוואָרן יידן.״
און ס׳גיסט זיך זים א ניגון דאָ, פון אלף־בית די תורה,
און ס׳גלאָצן פרומע אייגעלעך מיט אומעט און מיט מורא.

א יונגער איז נאָך איצי־בער, איז שטאָלץ מיט זיין שליחות,
ער ברענגט אין נייעם ישוב דאָ די הערלעכע צוויי לוחות.
„יאָ, אויף תורה שטייט די וועלט—ער קרייזלט זיך א פאה,
ער וועט דאָ לערנען דור נאָך דור, א רייע נאָך א רייע.״
„א דאנק דיר, ליבער טאטע, פאר מיין גורל אויף דער ערד,
פאר אותיות, וואָס זיינען פון דעם הימל מיר באשערט.״
ער קושט דעם טייערן סידור פול מיט יראה, פול מיט האפט,
און קינדערישע אייגעלעך זיי קוקן שטיל פארגאפט.

• • • •

דאָרט, וואו ס׳ענדיקט זיך דאָס חנ׳עוודיקע געסל,
א ביסעלע ווייטער, עס בליט שוין א פעלד,
נעענטער, בויט זיך נאָך א הינטער־געסל,
און ס׳ווערט דאָ אין שטעטל אלץ ברייטער די וועלט.
די ערשטע שטוב שלמה וואסערפירער בויט—
א רונדער קאָפּ, מיט טשעריקעס פארזייט:
אויף קרעפטיקע אקסלען, געזונט און ברייט—
ער וואנדערט ארום דאָ מיט וואסער־קאנען גרייט.

ס'איז גוט אים, דעם וואסערפירער, מיט זיין פאס,
ער האָרעוועט שווער און לעבט זיך צופרידן:
„גאָט גיט אונדז ברויט—ער מאכט זיך א שפּאס—
און איך גיב וואסער דאָ אונדזערע יידן."
און פאַרנט—א הויף צעפּראלעט און ברייט,
און קינדערלעך קליינע א גאנצן טאָג שאלטן;
און העט־טיף אין הויף דאָס הייזקעלע שטייט,
ווי דער מענטש וואָלט געוואָלט דעם פארך באהאלטן...

לעבן וואסערפירערס הויף שטייט נאָך שוין א קוזניע,
און א גוי א קאָוואל זעצט די אייזנס מיט זשום;
ווייל אזוי האָט באפוילן דער פריץ בוזניע:
פויערים און פערד זיינען דאָ אומעטום...
און ווייטער דאָ בויט א שטוב א בעל־עגלה,
א הויכער, ברייט־ביייניק, באלאָדן מיט כוח:
„העי, שלמה! זאָל דער קאָוואל אונדז טשעפּן נאָר, זאָל ער—
צעטרייבער איך אים, אז ס'גייט אזש א רויך!..."

און ס'חלומט פון משא משה־ליב בעל־עגלה,
פון קאָסטנס, פון תבואה, פון מעל זאק אויף זאק;
אז אויפגעריכט ווערן זאָל דאָ־הי זיין דאָליע,
און ס'זאָל זיין קאטיוגע*) זיין שטענדיק געפּאקט.
ער קוקט אויף די שיינינקע יידישע היימען,
און קוקט צו דעם הימל, וואָס גיט אים זיין כוח:
„אוי, גאָט, וואָס דערנערסט די חיה און בהמה,
גיב שפּייז צו מיין ווייב און מיינע קינדערלעך אויך."

*) קאטיוגע—א לאנגער, פלאכער לאסט־וואגן.

דאָ ווערט מיט אמאָל דאָס געביי אָפּגעשטעלט,
ס׳איז שטח פון מארק און דער סוף פון דער שטאָט;
רויִ־ערד, אַן גראָז, ס׳איז א ליידיקע וועלט,
און מ׳האָפּט דאָ אויף שפע און אויף הימלס גענאָד.
ביים וואסערפירער, ווייטער, צו דער אנדערער זייט,
איז רוישיק, עס בויט זיך דאָס הינטערגעסל;
עס מערן זיך דורות, און ס׳קומט באלד א צייט,
און ס׳קאָכט יידיש לעבן ווי א זודיקער קעסל.

• • • •

און ס׳וואקסט אלץ דאָס שטעטל, ס׳איז פרוכטבאר דער מארק,
און די הויפּט גאס—זי וואקסט ווי מיט כישוף.
און מ׳בויט שוין דאָ העכער, ארויף אויפן בארג—
דריי גאסן עס האָט שוין דער ישוב.
די הויפּטגאס, זי שפּיגלט, איז פארביק און שיין,
מיט שילדן, מיט סוחרישע קלאנגען;
די צוויי הינטערגעסלעך—דאָ כישופט דער חן
פון ארבעט, גערויש און געזאנגען.

און ישראל גוי קדוש, זיין נפש איז הייליק,
ער לעכצט אלץ צו העכערע וועלטן,
איז בויט מען די שול—אוי, „מה טובו אוהליך!״—
„ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן!״
הייליק דער גייסט איז, פון וועלט דער יסוד,
און ס׳בענקט אויך דער גוף נאָך קדושה;
און ישראל דער בעדער, ער בויט שוין א באָד,
פון זיידעס אן אלטע ירושה...

ח

# פרנסה

ליגט אַ שטעטל אונטער הימלען, בלויע, שיינע,
אלט און יונג, מיט טאטעס, מאמעס, קינדער.
געהאָרעוועט, דאָ אויפגעבויט נייע היימען,
געניסט מען שוין געבענטשטע רו אצינדער.
נאָר קינדערלעך מיט מיילער אָפן ווילן עסן,
און שווער איז דער געראנגל פארן ברויט:
פאראן גאָר טעג ווען מ׳טוט אין גרויסן גאָט פארגעסן,
ווייל ס׳ליגט אין הארץ די מורא פאר דער נויט.

נאָר ס׳האָט דער ייד אויך אלטן גלויבן און ביטחון—
יאָרהונדערטער ער האָט מיט נס געלעבט!—
מ׳זוכט פרנסה ביי דעם פויערל, דעם שכן,
און טראָפּנס שפע פון זיין ערד מ׳שעפּט.
נאָר מ׳דארף אַ סך, אַ סך—מרובים צרכי עמך!—
מ׳איז שלעכט, מ׳זינדיקט קעגן ברודער אויך;
אוי, שווער עס איז דער קאמף!...מ׳זינגט דעם „מי כעמך"—
אָז מ׳האָט ניט פארן לעבנס־יאָך קיין כוח...

נאָר ס׳קוקט ארויף דער ייד, איז היימיש מיט די הויכן,
און האָט אַ כוח אין הימל שוין פון לאנג;
האָט די מלוכה שפּעטער, די איינוואוינער צו גרייכן,
אַ פּאָסט געבויט, מיט „קעפּ" פון הויכן ראנג.
און די אלע „קעפּ" און אלע קליינע דינער
האָבן דאָ אַ הויז און ווייב און קינד,
קומט אריין פרנסה אין שטעטל אין די שטיבער,
און ס׳בענטשט די פּאָסט דאָס יידיש הויזגעזינד.

און נאָך דעם א „טאַמאַזשניע" געבויט האָט די מלוכה,
ווייל ס׳ליגט רומעניע אויפן צווייטן עק,
און איבער פרוט א בריק פאר שלום און מנוחה
איבער וואסער הענגט, פון ברעג צו ברעג.

און ווי אין ים די כוואליעס ס׳שטראָמט און שוימט
דאָס לעבן,
צו־הויך דער הימל, מ׳שפּאנט אויף הארטער ערד;
דאָס לייב, דאָס זינדיקע, קיין סך קען דאָס ניט געבן,
נאָר נעמען ס׳גלוסט אויך דאָס וואָס איז פארווערט.
איז יאָגט מען קאָפּ אויף קאָפּ צו זעטיקן דעם שטן,
ס׳איז רחבות דאָ—און ס׳פילט זיך ענג דער מענטש;
נאָך גוט וואָס גאָט האָט יידן אויך געשענקט געבאָטן,
און מיטן צלם אלוקים געבענטשט.

איז זוכט דער ייד פּרנסה, און בעט און האָפט צו גאָט...
אָט לויפט ר׳ שמואל אין טונקעלן באַגינען,
ער איילט זיך, יאָגט צום בארג, וואָס ליגט הינטער
דער שטאָט,
א וואָגן פרוכט, צי תבואה, צו געפינען.
אָט שטעלט זיך אָפּ א וואָגן: „וואָס האָסטו דאָרט,
מאַשניאגו?*)
—„א וואָגן עפּל און א פּעסל ברינדזע".
און שמואל איז דער ערשטער צו דינגען אויפן בארג דאָ,
און קריגט די סחורה פאר א טעפל לינדזען...

און שייקע שניידער ביים מאשין כאור הבוקר,
אין דרויסן קוים עס גרויט דער נייער טאָג;

*) מאַשניאַגו—אַלטיטשקער.

ביי דעם לעמפל איינגעבויגן, ווי א הויקער,
ער נייט, דער פויער קומט היינט נאָכן ראָק.
ער נוצט די הענט, און אומרו ארבעט אינעם הארצן,
און אלע מאָל ער פראלעט אויף די טיר:
דעם נייעם טאָג, אוי גאָטעניו, זאָלסט ניט פארשווארצן,
און גוטע קונים שיק מיט רחמים מיר.

און בערל בעקער גרייט זיך מונטער צום יאריד,
ער שטייט שוין אין פרימאָרגן־גרוי א גרייטער;
ער שטעלט ביים וועגעלע אין דרויסן נאָר א טריט,
און בלייבט פארזאָרגט, צעטומלט, א צעדרייטער.
אין וועגעלע ליגט ברויט און בייגל, לעקעך, זעמל,
און ס׳דאכט זיך בערלען א דונער האָט געקראכט:
„אוי, ליבער גאָט, כ׳האָב אָנגעלאָדן א וועגל ווי א קרעמל,
איז גיב מיר, גאָט, א טאָג ווי כ׳האָב געדאכט.״

און ס׳לויפט דער תבואה־סוחר זיידל נאָך א פורל,
ס׳איז אָנגעלאָדן פול מיט ווייץ און קאָרן.
דער ייד צופיל געדונגען זיך האָט מיטן ערל,
איז ער אנטלאָפן מיט א ווילדן צאָרן.
נאָר זיידל זעט, ס׳שטייט די זון שוין הויך אין הימל,
און ס׳ליגט פרנסה דאָרט אין וועגעלע,
יאָגט ער נאָך אָן אָטעם, מיט געבעט און טומל:
„פעטרא, כ׳בעט דיך, שטיי!...ווארט א רגעלע...״

און שלמה ווייס, דער שיינער ייד, ער שטייט אין קראָם,
ער האָט פארקויפט א גוי מאנופאקטור,
נאָר ס׳קראצט זיך אין דעם שווערן קאָפּ, דער כאָס,
און קוקט צעפּאטלט אויף דעם גארניטור.

ער מעסט די ברייטע פאַנטאַלאָנעס, דעם פּיזשאַק,
און קוקט זיך אָן ווי א צעמישטע רינד;
„די הויזן, שליאַמקע, ליגן אויף מיר ווי א זאַק"—
און ס'גיט א זעץ די יוכע און ער פאַרשווינדט...

און דער זייגערמאַכער משה זיצט ביים פענצטער,
א שרייפעלע ביי א ספרוזשינקע דרייט:
לעבן אים א פּאָסטמאַן פון די סאַמע קלענסטע
אָנגעבלאָזן און פאַרכמורעט שטייט.
ער ברוגזט זיך, דער יחוס, אזא מלוכה־מאַן,
ס'הייסט דער ייד האָט אים גאָר אָפּגענאַרט:
„קום מאָרגן"—ממ, ער האַלט אים ווי א פערד אין שפּאַן"—
און משה קוקט דעם „פריץ" נאָך באַ'צער'ט.

און מענדל פישער שטייט צווישן פויערן א מאַסע,
און וועגט דאָס „דרויב" ביים סוף פונעם יאַריד,
פּלאַטיק, קאַסטרישן, און פולער ווערט די קאַסע,
און זיין ווייב גנענדל העלפט אים מיט.
נאָר ביי דער זייט א שטן לויערט בייז און שטום,
און ס'בליצן זיינע אויגן, גאַליק־גרינע:
אַן אוריאַדניק דרייט זיך שוין אין שטאָט ארום,
און שפּירט אַלץ נאָך די יידן פול מיט שנאה.

אין באַגינען פאָרט ארויס אנטקעגן טאָג
דער פורמאַן דאָדל מיט זיין פּאָרל סוסים:
„אוי גאָט, ס'איז אמת, כוחות איך פאַרמאָג,
נאָר ווייב און קינדער שפּייז איך נאָר מיט נסים.

מ׳האָט אויף היינט באַשטעלט א „לאָדעכץ״ גאָר א פיין,
ס׳ט זיין שוין פּוטער, מילך, ברויט אין אָוונט.
נאָר נעכטן איז געווען א טאָג, אין דר׳ערד אריין,
ווי כ׳וואָלט קיין מאָל אין לעבן ניט געדאווענט.״

און ס׳ראַנגלען יידן זיך ווי ביזן האַלדז אין וואַסער,
און שטרויכל־שטיינער ליגן אויפן וועג;
אוי, טאַטע זיסער, הנותן לחם לכל בשר,
ס׳איז דער עול פון גלות אָן א ברעג...
נאָך גוט וואָס ס׳קומט אַמאָל דער טייערער טאָג פון שבת,
און מ׳איז דערהויבן אויך אין ליבן יום־טוב.
דער אין דער וואָכן איז פול מיט קויט און תאוות,
און די פרנסה איז ווי קריעת ים־סוף...

## ט

# ירושה

שטייען יידישע שטיבער דאָ מעסיק, ניט הויך,
נאָר ס׳פלאַמט דאָ די תורה, אז ס׳גייט אזש א רויך.
צעבראָכענע לייבער, מיט פחדים, מיט מוראס—
נאָר דער גייסט איז פון שטאָל שוין פון דורות און דורות.
צעדראָשן פון אייזנס, פון רוט און פון קנוט,
און מ׳שעפט פון דער תורה א ריזיקן מוט.
אמאָל ווערט צעיושעט דער הערשער, דער פויער—
איז היימיש מ׳קלאַפט אָן אין הימלשן טויער.
און ווייטער מ׳לויפט נאָכן ביסעלע פּראָסע—
אוי, „עמך ישראל צריכין פרנסה״...

נאָר ס׳איז ניט ביים יידן דער גראָשן דער עיקר,
מ׳ווערט ניט פון ערדישע אוצרות פארשיכורט,
און אייביקע שיינקייט און ליכט און קדושה
מ׳זוכט אין דער הייליקער אלטער ירושה.
פארצייטן א פעסטונג געבויט מ׳האָט אויף ערד,
מיט מאכט און מיט פּראכט און מיט אייביקער ווערט;
די פעסטונג די ערד און דעם הימל פארבינדט,
לעבט דער ייד אין זיין משכן און קיינמאָל פארשווינדט...

וואו ס׳זאָגט נאָר א ייד, „אונדזער גאָט איז נאָר איינער״,
עס ליגט די ירושה אים טיף אין די ביינער.
און וואקסט־אוים א ישוב א נייער מיט יידן,
עס גלייכט־אוים ישראל זיין קערפּער, דעם מידן.
ער קומט מיט זיין פעסטונג און שטעלט אים אוועק,
און ס׳פירט אים דאָס ליכט אויפן אייביקן וועג...
און אזוי אָן א סוף, און מיט הארץ און מיט ברען,
ביז אהער צו דעם פינטל, אין שטעטל אונגען.

און קנעכטיש דער ייד איז אין גאס, דער געמיינער,
נאָר שטאָלץ, ווי אַ מלך, מיט זיין תורה, דער ריינער.
אין דרויסן מ׳האוועט און מ׳טראָגט אלץ דעם עול,
און ס׳גייט נאָך פון קינדהייט פון רבין דאָס קול:
„אוי, יידעלעך קליינע, הבן יקיר לי אפרים,
די תורה הקדושה איז מן השמים!"
און ער ווייזט מיט אַ פינגער ארויף־צו מיט מורא,
און קינדערלעך זעען אין הימל די תורה.

„קינדער, פון יידן, אַ, שרעקלעך דער עול איז,
מ׳איז טויזנטער יאָרן ביי גויים אין גלות.
ס׳האָט גאָט, ברוך הוא, אונדז געטאָן דאָ באַשטראָפן,
און מיר הערן ניט אויף דאָך צו ווארטן און האָפן.
נאָר כ׳ווייס ניט דאָס יאָר און כ׳ווייס ניט דעם חודש—
דאָ רוט אויפן רבין דער רוח הקודש—
און מיר הערן דעם שופר פון משיח צדקנו,
און ס׳קומט די גאולה במהרה בימינו.

און דער רבי צעפלאַמט זיך מיט אַ הייליקן ברען,
אברהם־ליב דער מלמד פון שטעטל אונגען.
און ער מאָלט ווי די יידן מיט קינד און מיט קייט,
זיי זאמלען צונויף זיך און מ׳שפאנט און מ׳גייט.
און דער מלך המשיח, ער גייט זיך פאָראויס,
און פירט אלע יידן פון גלות ארויס.
צו דער הייליקער שטאָט, אונדזער אלטע עיר־הבירה,
און ער פירט זיי מיט שמחה, מיט טענץ און מיט שירה.

און ס׳הייליקט דער „חדר" דעם דרויסן אליין,
אַ קינדער־שפיל האָט דאָ אַ יידישן חן;
און יינגעלעך יידישלעך גלעטן די בערדלעך,
אויף פלויטן עס קריכן „משה רבנום פערדלעך"...

מ׳ברענגט אין די הימען דעם רבינס רייד,
און ס׳טרינקען די שטיבער די יידישע פרייד;
עס קומט די קדושה אין שטיבער אריין,
און וועפּט אוים פון גאסן די טומאה און פיין.

און ביי דער גמרא דער שוחט ר׳ זיידל,
יונג נאָך און פריש, און איז אויסגעצערט, איידל,
ער וואַרפט זיך, און ווישט זיך דעם הויכן שטערן,
די ליבע צו תורה טוט שיעור אים פארצערן.
ער קוקט אין „כלאים״—מם, די שיינקייט אמאָל:
ס׳קליידן זיך כוהנים אין פלאקס און אין וואָל.
און ווייַנשטאָק און תבואה, און אויבס, יעדער סאָרט,
יעדער האָט זיך זיין ווערט און זיין מאָס און זיין אָרט...

„אוי, רבונו של עולם, נאָך דיין וואָרט איך בין דאָרשטיק,
איך פאסט תעניתים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק.
איך בין ביי דיר נאָר אַ משרת, אַ גבאי״—
און ער פארמאכט די גמרא און נעמט מדרש רבא.
ויברא... ערשט פרייטיק דער מענטש...וואָס איז אויסן?
דער מענטש אויף דער ערד זאָל זיך ווייניקער גרויסן...
און די פרוי זאָל זיין פרום און ניט זינדיקן גיך,
זי קומט פון דעם אבר צנוע, דעם דיך...

ער האָט נחת, דער שוחט, ניט ער שארפט נאָר דעם חלף,
נאָר ער פסקנט אויך שאלות אין בשר והלב.
און ער קוועלט פון די דינים און קרייזלט אַ פאה:
„אוי, דער „חושן משפט״! אוי, דער „יורה דעה״!
וויפל תורה און חכמה און פשוטער שכל
ס׳איז דאָ אין דעם שיינעם און ריזיקן היכל!
און ער איז אין שטעטל כמעט ווי אַ רב,
ביי די „צאן קדשים״, די „הייליקע שאָף.״

און שטענדיק אין שול זיצט דער קלײנינקער שמש,
אין זומער, אָין װינטער, אין שבת און אין תמוז.
די תורה צו שאצן, פֿארשטײן זי און קאָנען—
מ׳דארף אײביק זי לערנען: „הוי, תנו רבנן!"
ס׳פֿירט אים דער בורא אויף א דרך א גרינגען:
דעם ניגון פֿון הײליקע ספֿרים אויסזינגען.
און ס׳ברענט אין זײַן גוף אזא פֿלאם, אזא גארן—
אָ, װי האלט זיך דאָס פֿײַער אין א לײַב אזא דארן!

אין שול איז שוין דאָ איצט א „חברה משניות",
ס׳איז מסביר דער שמש מיט הארץ און אחריות.
דער ייִד!... נאָך פּרנסה, ער לויפֿט אין די בלאָטעס,
מ׳זינדיקט אמאָל און מ׳טראכט ניט װער גאָט איז;
נאָר ס׳שעפּטשעט דאָס הארץ טיף א שטילינקע תּפֿילה,
און ס׳ברענט אָפֿט גאָטס ליכט אין די גאסן אפֿילו.
פֿארנאכט... מ׳אנטלויפֿט פֿונעם קויט און „ויצעקו"
אין שול—מ׳איז מקים דעם „רחצו, הזכו!"

איז קוקן די ייִדן צום שמש און דאנקען,
און לויבן די חכמים פֿאר די שארפֿע געדאנקען;
זײ קוקן אין מויל אים און ס׳בלישטשען די אויגן,
און מ׳װערט אויף דער ערד פֿון יהודה פֿארפֿלויגן...
„אָ, װי הײליק דאָס לאנד איז װאָס האָט אזא יושר,
אז דעם אָרעמען ייִד דארף באזאָרגן דער עושר!
„כּי לי הכּסף"... ס׳האָט דער מענטש ניט קײן דעה,
איז מעשׂר און לקט און שכחה און פּאה.

און אז ס׳קומט נאָך דער הײליקער שבת צו גײן,
און מ׳קען זיך שוין אויסרוען דאָס מידע געבײן,
איז פּלוצים עס נעמט אין דעם לײַב, אין דעם שוואכן.

א ליכט, א נשמה יתירה דערוואכן.
און ס׳פלאקערט־אויף העל די אמונה, דער גלויבן,
און מ׳ווערט אין די וועלטן, די הויכע, דערהויבן.
און ס׳זינגט אין דעם ייד יעדער גליד, יעדער טראָט,
מיט א לויב צו די הימלען, א שירה צו גאָט.

„לכו נרננה״, לאָמיר זינגען צו גאָט,
צו זיין מאכט און זיין פראכט, און זיין ליבע און גענאָד.
ווייל ער האָט באשאפן דאָס פעלד און די זאנגען,
די חיה, די בהמה, דעם עוף און די שלאנגען;
דעם מענטש און דעם שטן, דעם צדק און רשע,
דעם הימל, דעם טיפן, און דעם ים און יבשה:
דאָס בלעטל, וואָס רוישט, און די בין מיטן זשומען,
דעם מדבר, דעם וויסטן, און די פארביקע בלומען.

און ער האָט באשאפן דעם בארג מיט די וועגן,
און ער האָט באשאפן די וואָלקנס, דעם רעגן;
און ער האָט באשאפן די דונערן, בליצן,
און ביימער אין מדבר די מענטשן צו שיצן;
דאָס ברויט און די פרוכטן דעם מענטש צו דערפרייען,
דעם פעלדז און דאָס אינדזל, די שטורעמס און שנייען;
און די ערד איז געגעבן צום מענטש און איז הייליק,
און—כל ישראל יש להם חלק״...

אויף מאָרגן שטייט ברוך דער ערלעכער ייד,
מיט זיין „שאגת ארי״, וואָס ווערט קיינמאָל ניט מיד;
שטייט פעסט ביי זיין שטאָט, און ער דאוונט צו גאָט,
און ציט־אויס זיבן מאָל דאָס וואָרט „אחד״.
ער איז מרעיש עולמות און שטורעמט דעם „אויבן״:
אז וויפל איך זאָל דיך ניט, גאָט מיינער, לויבן,

דערצייל איך דאָך גאָרניט, קיין טראָפּן, קיין עכא—
אוי, טאַטעניו, אין אלוהים זולתך!

און ער שטורעמט און ליארמט און צאַפּלט זיך אזש,
און מאַכט אָן אין שול א געוויטער, א רעש.
דער טלית אויף קאָפּ, איבער אויגן אריבער,
און גרייט זיך צו „קדושה" אזוי ווי אין פיבער.
וואָס קענען דען זאָגן די ערדישע זאָמען,
אז שרפים אין הימל זיי לויבן זיין נאָמען.
און . . . „נעריצך!", ווי ער גייט־אויף אין פלאַמען,
און פליט גלייך אין הימל מיטן עולם צוזאַמען . . .

און ס׳קרייזלט די טענער דער חזן, ר׳ דוד,
און פילט־אָן דעם עולם מיט יראת הכבוד;
און ס׳פלאַטערט זיין הארץ, ווי ביים יונגען פויגל,
וואָס דערזעט דעם אָדלער אנטקעגן די אויגן.
און פאַרכטיק און קרעפטיק עס זינגט די נשמה:
„אויף אלע מיינע וועגן דו ביסט מיין נחמה".
„אוי, אנעים זמירות" . . . און מ׳זינגט און מ׳קוועלט—
א הייליקער שבת אין פאראן אויף דער וועלט! . . .

אזוי לעבט מיט שטאָלץ זיך א יידישע קהילה,
מיט א גאָט און א תורה און א ליבער בית־תפילה.
יאָ, שווער איז אין גלות דעם יידנס מערכה,
די וועלט איז גאַר אָפט נאָר אן עמק הבכא;
נאָר מ׳לעבט ווי א מלכות אויף זינדיקער ערד—
מ׳האָט א רייכע ירושה, מ׳האָט אין הימל א ווערט.
און מ׳לעבט אין דער נידער, און מ׳קוקט אין דער הויך,
און מ׳שפאנט אויף דער ערד מיט א ריזיקן כוח.

י

# מלמדים

איצי־בער מלמד און די רביצין עטל,
האָבן צווישן די ערשטע זיך באזעצט אין שטעטל.
א ירא שמים מיט א פלאמיקן גלויבן,
פילן זיך קינדער מיטן רבין דערהויבן.
יידעלעך, פיר און פינף יאָר אלט,
און מ׳לערנט מיט ברען, און מיובלט, מ׳שאלט.
גרינג איז דעם עול פון דער תורה צו טראָגן,
און קינדערלעך לערנען און זאָגן און זאָגן.

עניוותדיק איז איצי־בער דער מלמד,
און שטיל און בכבוד, א יידל א סאמעט;
איז א רעש, א טומל, און דער „חדר״ איז ענג,
און קינדערלעך קריכן אויף טיש און אויף בענק.
„זאָג אלף!״—ער זאָגט צו א קינד מיט א טראָפּ,
און ס׳דראָפּעט א בחור זיך ארויף אויף זיין קאָפּ.
דאָ הייבט־אָן דער רבי א מעשה צו וועבן,
און קינדערלעך קליינע אין די הימלען שוין שוועבן . . .

און ליב האָבן קינדער דעם רבין אָן שיעור—
פאר שענסטע חלומות ער עפנט די טיר!
זיי זעען ווי אברהם האָט צעבראָכן די געטער,
ווייל נמרוד באשטראָפן, נאָר גאָט איז א רעטער.
עס זעען די קינדער ווי אברהם אין זיין צייט
האָט געמאכט א סעודה פאר דריי פרעמדע לייט.
זיי זעען די בילדער ווי גאָט איז א תקיף,
דער גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב.

און ענג איז דער „חדר" און ברייט איז די וועלט,
און דער רבי האָט פליגלען, ער דערציילט און ער קוועלט.
און דאָ פלוצים, קינדערלעך זיצן אבלים:
מ'האָט פארקויפט, נעבעך, יוספן צו ישמעאלים.
א רגע, די אייגעלעך שיינען שוין פריילעך:
יוסף הצדיק איז שני למלך.
איצי־בער מלמד פארשוויגן איצט ווערט,
און נעמט אראָפּ די קינדער פון הימל אויף דר'ערד.

טעג גייען איבער, פארפלויגן, פארשוואומען,
און נאָך א מלמד איז אין שטעטל געקומען.
ר' ניסל, א בייזער, א קליינינקער ייד,
א בלאָנד, שיטער בערדל, און ער קאָכט זיך און זידט.
ער איז שוין א קענער, א מר בר ר' אשי,
ער לערנט מיט קינדער אזש חומש מיט רשי...
אז קינדערלעך קענען שוין „עברי" א ביסל,
טוט מען א שפרונג פון איצי־בער צו ר' ניסל.

און אויסגעפוצט גייט ער, ווי א פרינץ אזוי שיין,
קיין פלעק אויף א בגד, נאָר אלץ זויבער־ריין.
בעקעלעך—פארביק, און רויט ווי מאראנצן,
און שיך די צעפוצטע, זיי שפיגלען, זיי גלאנצן.
ער חזרט: „ויאמר—און ער האָט געזאָגט",
מיט א טאָן, וואָס וואָרנט אז דער רבי שלאָגט.
און קינדער דערשראָקענע חזרן איבער,
און קוקן ווי לעמלעך מיט פארציטערטע גלידער.

דאָ הייסט ער א יינגעלע זאָגן אליין,
און שטעלט זיך אוועק הינטער קינדס געביין.

„לאָמיר הערן: „ויאמר—און ער האָט געזאָגט,"
און ער שטייט לעבן בחור און מאטערט און נאָגט.
דער יינגל הייבט־אָן צו זאָגן גאָר גיך,
נאָר ביים סוף פונעם פסוק פארטשעפּעט ער זיך.
און ער קריגט א פאטש פונעם רבינס האנט,
אז ס'ווערט אים דאָס פּנים ווי פייער צעפלאמט.

„אין דער תורה איז א כלל „אין רחמים בדין"—
נעמט דער רבי דערקלערן פונעם פאטש דעם זין.
דארפסט קענען א פסוק אָט פינקטלעך, כהלכה,
אָט ווי אויף א פּרי קענסט מאכן א ברכה.
אז איר לערנט ניט, שקצים, איר מאכט מיך צו שאנד—
איז—א פאטש, אז איר קלעפּט זיך איין אין דער וואנט."
און יינגעלעך קוקן געפלעפטע פון מורא:
פארפלאָנטערט עס זיינען די וועגן פון תורה! . . .

אין שטאָט די פּרנסה ווערט בעסער און בעסער,
און דאָס רחבות אין הארצן ווערט גרעסער און גרעסער.
מ'זוכט פאר די זין שוין א לומדישן מעמד,
און מ'ברענגט שוין אין שטעטל א גמרא־מלמד.
א הויכער, א גלייכער, מיט צעוואָקסענע ביינער,
מיט צעהאָנגענע פּאות, א באחנטער, א שיינער.
ער לערנט אזוי פלאמיק, מיט א ניגון און טראָפּ,
אז ס'ברענט אים דאָס הויז אזש איבערן קאָפּ.

„ר' עקיבא, ר' יהודה, ר' חנינא בן דוסא,
ווען איר קענט נאָר, קינדער, די תנאים, די גרויסע!
וואו האָבן די גויים אזעלכע חכמים,
ווי הלל, א שטייגער, אזא מין איש תמים?

און—„גליה לדרעיה", ר' יוחננס ריינקייט,
א חורבה ווערט פול מיט ליכט און מיט שיינקייט.
און ר' יוחננס חכמה? זיין כוח, זיין גאנג
גיט א חולה די האנט און ער איז מער ניט קראנק..."

און ר' שייע צעהיצט זיך מיט שבחים און שירה,
ווי דער מלך פון תהלים אויף דער גאָלדענער לירע.
און מ'הערט שוין אין פרישן פרימאָרגן אין דרויסן:
„שור שנגח"—אז אן אָקס האָט געשטויסן..
און עס שאָקלען זיך יידעלעך און צעוויגן זיך שטארק,
און מ'פלאמט ווי פארצייטן דער סיני־בארג:
„אָ, דינים פארפלאנצטע אין ארץ ישראל,
זיי שפאלטן די בערג, זיינען שארפער פון שטאָל!"

און אזוי־אָ, די תורה פון משה און עקיבא
מ'פארפלאנצט אין די קינדערשע הערצער, די ליבע.
די ווייכינקע הערצער זיי זאפּן אלץ איין,
און טראָגן די אוצרות אין מאָרגן אריין.
און שטאָלץ מיט די מלמדים איז יעדער באזונדער,
ווייל ס'קומט־אויף א לומדישער דור גאָר א וואונדער.
אז יידישע קינדער נאָך תורה זיינען להוט,
לעבט די יידישע אומה לעולם ועד...

יא

# אַ בית־מרחץ

פריער האָבן גויים געבויט זיך אַ „באַניאַ",
פּעטיאַ, וואַסיל, קאַפּריאַן און וואַניאַ.
אַ צימערל, מ'וואַשט זיך אַרום דאָ דאָס לייב,
און מ'גייט אין שענק, אָדער גלייך צום ווייב.
נאָר דער ישוב צעוואַקסט זיך, און דאָס יידישע לעבן,
ווי אַ חלום אַ ליכטיקער האַלט זיך אין וועבן.
האָט ישראל דער בעדער פאַר די יידן אין שטאָט
געבויט אַ היפּשן בית־מרחץ, אַ באָד.

איז קאָכן זיך יידן און מ'פּילט זיך דערהויבן,
מ'ווערט דאָך „גוי קדוש" גערופן פון „אויבן":
עס האָט דאָך דאָס פאָלק תרי"ג מצוות, קיין עין־הרע,
און ריין דאַרף עס לעבן, בקדושה ובטהרה.
די ערד איז דאָך ברודיק, פאַרקוויטיקט מיט זינד,
און ס'שפּאַנט דער בן־אדם אין זומפּ דאָ, ווי בלינד,
און טונקט זיך אין טומאה, אין אַ גאַנצן ים,
און זעט ניט די זומפּן און זעט ניט דעם סם.

נאָר יידן זיי לעבן מיט תורה, מיט טאָלק,
מ'לעבט ניט אין הפקר, מ'איז דאָך גאָטס פאָלק;
ס'האָט ערדישער גוף אַ נשמה דאָך אויך,
וואָס רייסט זיך צום הימל און בענקט נאָך דער הויך.
ס'איז שווער דער נשמה אין אַ גוף, אין אַ קראַנקען—
דער גייסט איז דער יחוס: „אל תסתכל בקנקן!":
נאָר ס'דאַרף אויך דער קערפּער זיין אויסגעפּוצט, ריין,
דער גייסט זאָל אין אַ זויבערער דירה איינשטיין.

גייען יידן אין מרחץ מיט א העכער געפיל,
א נחת די באָד, נאָר ניט דאָס איז דער ציל.
דער מרחץ איז ליב, האָט די ווערט א מאיאָנטעק,
נאָר מ׳גייט ניט אהער ניט זונטיק, ניט מאָנטיק.
אז מ׳וויל זיך מיט די וואָכיקע טעג געזעגענען,
און די מלכה, דעם ליבן שבת־קודש, באגעגענען,
האָט דעמאָלט א זון זיך אין הארצן צעשטראלט:
„ס׳איז דער מענטש באשאפן אין גאָטס געשטאלט".

און מ׳לאָזט זיך אין מרחץ... אז מ׳קומט נאָר אריין,
ווערפט אוים די מידקייט און די וואָכיקע פיין.
אז מ׳זיצט אויף די ברעטער און מ׳טוט זיך דאָ אוים,
פארדעקט מען די בושה, וואָס זעט זיך ארוים;
אז מ׳דעקט אָפּ דעם קאָפּ, איז טוט אזש א דראָזש:
ווי שטייט מען אונטער הימלען בגילוי ראש?
און מ׳שפאנט אומבאהאָלפן אין דער פארע אריין,
ווי מ׳וואָלט, ווי א פרעמדער, דאָ צום ערשטן מאָל זיין.

דאָ זיצט מען א רגע פארטראכטע און שטילע,
ווי געקומען, להבדיל, אין א בית־התפילה.
מיט א שעפעלע וואסער מ׳גיסט זיך פרום אָפּ,
ווי אין שול מיטן טלית צעשפרייט אויפן קאָפּ.
מ׳ווערט דורכגענומען פון היץ און מ׳פרייט זיך,
און מ׳וואשט זיך, מ׳קוועלט, אז דאָס הארץ שיעור
צעגייט זיך.
מ׳דערוואכט, ווי אין פעלד פונעם ווינטל די זאנג,
און מ׳קוקט שוין ארויף צו דער אייבערשטער באנק.

זיצן צוויי עלטערע יידן צוזאמען,
מיט לייבער צערויטלט, ווי געוויקלט אין פלאמען.

זאָגט איינער: „ר׳ צדוק, צי ווילט איר זיך פּליימן?
אָט האָט איר א בעזעמל און איר קענט מיך אָפּשמייסן״.
זאָגט יענער: „אויף דער אייבערשטער באנק טוט איצט
ברענען,
נאָר שמייסט מען אין מרחץ, מ׳שמייסט ניט אין גיהנום״.
און מ׳קלעטערט מיט בעזעמלעך און מ׳גלעט זיך די בערד,
און מ׳שמייסט זיך און מ׳רעדט פון דער זינדיקער ערד.

„העי פּארע! גיט פּארע!״—ס׳הערט זיך א געוואלד—
דאָ אויבן איז סיביר, ס׳איז געפּערלעך דאָ קאלט;
גיסט אריין קאלט וואסער אין אויוון אויף די שטיינער,
מ׳ליגט דאָ און מ׳ציטערט, ס׳פרירן די ביינער!״
ס׳איז פּייוול דער קאַוואל, ער האָט זיך צעוואַרעמט,
איז ליגט ער דאָרט אויבן אין דער היץ און ער ליארעמט.
דער שמיד, אז ער שמייסט זיך איז אים ווייניק די באָד,
כאָטש גיט אים א מדבר, וואו ס׳ברענט און ס׳בראָט.

און דער שוחט, וואָס איז טרוקן און גרינג איז ווי נים,
קומט אריין אין באָד ווי אויף הילצערנע פּים . . .
דאָס שענסטע ווינקל, וואו ער וויל גלייך אריין,
איז די מקווה, און ער גייט באלד זיך טובל צו זיין.
שוין דערפילט צו גאָט זיין הייליקן חוב,
זעט ער אוים ווי ער וואכט פון א חלום ערשט אויף:
ער גלאָצט מיט די אויגן און טוט עפּעס ברומען—
פון די טיפן פון ים איז ער נאָר־וואָס געקומען . . .

צוריק אויף די טרעפּ גייט ר׳ זיידל פּאוואָליע,
ער ווייסט זיין חשיבות, זיין יידישע ראָליע.
און פון די געקרייזלטע פּאות, די נאסע,
עס רינט אָפּ, ווי שנירעלעך פּערל, דאָס וואסער.

אין באָד איז א זשום, און עס קאָכט זיך און רעשט זיך,
און ער, ביי א שעפל ער זייפט זיך און וואשט זיך;
און קוקט מיט הנאה ווי עס גרייטן זיך אלע
צום מזמור שיר: „לכה דודי לקראת כלה״.

און ר׳ שלמהלע פעלדמאן, דער נגיד פון שטאָט,
נעמט־מיט יעדן פרייטיק נייע העמדער אין באָד.
דערזעט ער אויף ברעטער א צעריסן אלט העמד,
דערפילט ער זיך שולדיק און עפּעס פארשעמט.
ער ווארפט שטיל דאָס אלטע אריין אין א זאק,
און לייגט צו בסתר דאָס נייע ביים פּאק.
ביים אָנטאָן זיך, יענער דערפרייט זיך און שטוינט:
„מסתמא האָט גאָט פאר מיין פּיין מיך באלוינט...״

ביי דער אייבערשטער באנק שטייט דאָרט דאָדל בעל־עגלה,
ער שפּילט דאָ אין באָד גאָר א חשובע ראָלע:
גיט יידן א „פּלייצע״, און צומאָל פון אויבן
שפּרינגט אראָפּ, גיסט אריין א פּאָר שעפלעך אין אויוון.
„באלעגאָלעס זיינען ריין—זאָגט דאָדל א וויץ—
און מיר גייען אין באָד אריין נאָר צוליבן שוויץ״.
„אוי יידעלעך, שוויצט!—ער מאכט א געוואלד—
שוויצט גיכער, מ׳דאַרף מקבל־שבת זיין באלד!״

און מ׳הייבט זיך שוין אויף דאָ און דאָרט מיט א יראה,
פארשטילטע אין עפּעס אן אָפּקלאנג פון שירה.
מ׳נעמט זיך שוין איילן: „אוי, שפּעט שוין, ר׳ חיים!״
און ס׳פילט אויך אין באָד זיך א יראת שמים.
און ס׳שטילט זיך שוין ביסלעכווייז איין דער געפילדער,
פון היים און בית־תפילה מ׳זעט שוין דאָ בילדער...

די לעצטע, זיי פילן זיך שוין אין אַ קלעם:
„אוי, באַלד זאָגט דער חזן „לכו נרננה לאדושם".

און דערהויבן ער ווערט, דער געפּלאָגטער בן־אדם,
ווען ער טוט ווידער אָן דאָ זיין היטל, די בגדים.
ער האָט איצט פון ערדישע צוימען באַפרייט זיך,
ער האָט זיך אין מרחץ געליטערט, באַנייט זיך.
ער קומט באַלד אהיים, און ער טוט זיך נאָר איבער,
וועט זינגען דער שבת אין אַלע זיינע גלידער...
און פריי פון דעם וואָכיקן יאָך, פון דעם מיאוסן,
מקבל זיין גייט ער דעם שבת, דעם זיסן..

שפּאַנען זיך יידן פון באָד צו די היימען,
ווי די שאָף פון דעם וואַסער אין געזאַנג פון שלמהן.
מ'גייט זיך דערפרישט, און געמיטלעך, געלאַסן,
און מ'רעדט פון קדושה, פון תפילות, פון חזן.
מ'שלאָגט ניט קיין יידן, נישטאָ מער קיין עולן,
דער בורא אין הימל, ער וועט שוין באַצאָלן.
און מ'שפּאַנט מיט חדווה קעגן אָוונט, דעם ריינעם,
אַנטקעגן דעם ליכטיקן שבת, דעם שיינעם...

יב

## צדקה

„פארן אָרעמען ברודער, וואָס לעבט אין דיין לאנד,
דו פארמאך ניט דיין הארץ, און עפן דיין האנט.
אז ס׳קלאפט אָן דיין אָרעמער ברודער אין טיר,
געדענק אז דיין ברודער דארף לעבן מיט דיר.״
מיט גאָט אזא בונד איז געשלאָסן געוואָרן,
און ס׳איז אין דער תורה פארחתמעט געוואָרן.
איז לערנען זיך יידן: מ׳דארף העלפן דעם מענטשן. .
וזכרת, געדענק... און גאָט וועט דיך בענטשן...

• • • •

און דאָ הערשט הצלחה
אין שטוב און אין מארק,
ס׳איז מזל און ברכה—
און גאָט איז ניט קארג...

נאָר איין מאָל, א ווינטער—
זאווערוכעס און שנייען;
אין שטאָט קומט ניט קיינער,
נאָר ווינטן וואָס ווייען.

און „לא יחדל אביון״
איז אָן אַלטער כלל;
האָט דאָס שטעטל אביונים
א היפשע צאָל.

און די נויט איז גרויס,
און מ׳זעט ניט קיין פֿייער:
אוןביים שניידער אין הויז
איז געיאָמער און טרויער.

ביים שוסטער—געמיין,
מ׳פֿאררויכט ניט קיין שטיוול;
און ס׳טראָגט זיך געוויין
פֿון זיין אָרעמען שטיבל.

א ווינטער—צעשויבערט,
דער ווינט רייסט די דעכער,
און קינדערלעך כליפּן
אלץ העכער און העכער.

מ׳זעט ניט קיין פֿערד
און מ׳זעט ניט קיין וואָגן;
און ס׳זיצן ביים שמיד דאָ
אכט קינדער און קלאָגן.

נאָר פֿראָסט און נאָר קעלט,
זאווערוכעס און שנייען;
און אומעט—א וועלט,
און ווינטן, וואָס וויִען...

• • • •

טומ די צניעותדיקע ווייבער דער ווינטער, דער שלעכטער,
אזוי ווי, אזוי באנג;
זיי וויסן דעם יידישן דין, דעם גערעכטן,
ווענן אביון, שוין לאנג.

עס זײַנען די קינדער פֿון אברהם אבינו
דאָך בני רחמנים—
און ס׳נעמט ניט קיין סוף צו די שנײען און װינטן,
װאָס שמײַסן אין פּנים.

איז ברײַנע, די זקנה די דארע, פֿאַרװיקלט
אין לײַבלעך, אין טיכער,
אַריבערגעלאָפֿן צו איר שכנה גיטל
גאַנץ פֿרי, װי אַ װיכער:
„אױ, װאָס ס׳זײַן מיט די אָרעמע אין שטאָט,
ס׳אַ גרױסער רחמנות!
אױ, גיטעלע טײַערע, צדקה בײַ גאָט
איז נאָך מער װי קרבנות...״

זאָגט גיטל: „אַז ס׳טרינקט זיך אַ מענטש אין אַ טײַך,
איז „אשא עיני אל ההרים״;
װאָס װײסט דער מענטש? אָט הײַנט איז ער רײַך,
און מאָרגן שױן אָרעם.
דאַרפֿן ייִדן זיך העלפֿן, און אַלץ טאָן װאָס גיכער,
װאָס מ׳קען נאָר, געװיס;
ס׳אַ פּסוק אין דער תּורה: „וכי ימוך אחיך..
והחזקת בו.״

מאַכט ברײַנע: „כ׳האָב אַמאָל אין „נופת צופים״ געלײענט
פֿון דעם פֿאָטער אַברהם;
פֿיר טירן געמאַכט האָט בײַ יעדן געצעלט
און אָפֿן און געראַם.
דערזען נאָר אַ װאַנדערער אַרום זײַן געצעלט,
פֿלעגט ער קאָכן און זידן,

ביז געמאַכט האָט ער אָרט און אויך עסן געשטעלט
פאַרן מענטשן, דעם מידן.״

זאָגט גיטל: „ר׳ יהודה הנשיא, דער גביר,
האָט פאַרבעטן געסט:
„עס זאָלן נאָר קומען חכמים צו מיר,
און טרינקט און עסט.״
איז געקומען א בור, און ר׳ יהודה, דער גביר,
האָט אים פאַרשעמט:
נאָר נאָך דעם, דאָס הארץ האָט געריסן אָן שיעור,
און געקלאָגט און געקלעמט.״

מאַכט בריינע: „דער „צאינה וראינה״ האָט רעכט:
צי עסן, צי געלט—
ווען דיין אָרעמען ברודער עס גייט אמאָל שלעכט,
גיב אים אלץ וואָס אים פעלט.
ס׳ט גאָט דיר באַצאָלן, דו טוסט נאָר א טובה,
ס׳איז נאָר א הלוואה;
איז העלף־זשע בכבוד דעם אָרעמען לווה,
ער זאָל האָבן הנאה...״

זאָגט גיטל: „מיין טאַטע, אָוועשאָלעם, פלעגט זאָגן
וועגן צדקה א וואָרט:
„דו נעם אויף זיך, יידעלע, וויפל קענסט טראָגן,
און מאַך זיך אָן אָרט..
דו ווייסט ניט, דו מענטש דו, וואָס מאָרגן וועט זיין,
ווען דו וועסט גאָר נעמען,
דער געוואָרענער „געבער״ וועט צוזען דיין פיין,
און דו וועסט זיך שעמען...״

„אָ, זיך פאררעדט... כי־כי...—מאכט ברײנע—
איז ווען גייען ־מיר?"
—„א קליידל זיך איבערטאָן נאָר, טייערע מיינע,
און מיר גייען וואָס פריער.."
און די נשים צדקניות שפּאַנען ארום
מיט א פּאַטשיילע א רויטער,
און דער ווינט שמייסט די זקנות אין פּנים מיט זשום
און מיט בייזן געוויטער.

דאָס שטעטל עס ליגט אַלץ פאַרוואָרפן מיט שניי
די פענצטער אריבער.
אויף פענצטער ליגט צוגעקלעפּט פראָסט, ווי מיט קליי,
און מ׳פרירט אין די שטיבער.
סאיז קאַלט ביי ר׳ ניסלען און ביי איצי־בער—
מ׳האָט צעלאָזט די חדרים;
און מ׳פרירט ביים גמרא־מלמד נאָך מער,
מ׳האָט פארמאכט שוין די ספרים.

איז לאָזט מען א שטאָט ניט אויף ווייבער נאָר איבער—
אַן עבירה, א בושה;
קומען צען יידן צונויף זיך בציבור
פון דער קהילה קדישא.
אויף מאָרגן, א יונג שפּאַנט אין גאַסן מיט שטאָלץ,
מיט א הילכיקן ברומען:
„ר׳ נפתלי טיילט פאַר אביונים היינט האָלץ,
ווער ס׳דאַרף נאָר זאָל קומען!"

און געמאכט איז פון צדק ומשפט גאָטס שטול,
און דאָס פאָלק ניט פארגעסט—
ס׳האָט אברהם זיינע געסט דאָך געזאָגט נאָך אמאָל:

„ניט פון מיינעם איר עסט".
שפּאַנט ווידער דער בחור ישראל חיה-ליבעלעס
מיט זיין גראָבן ברומען:
„זישע ראָבעל טיילט אוים היינט קאַרטאָפּל מיט ציבעלעס,
ווער ס׳וויל נאָר זאָל קומען!"

אזוי לעבט זיך מיט הארץ אַט דאָס פאָלק, דאָס געבענטשטע,
האָט אויף רחמים א חזקה;
מ׳לאָזט דאָ ניט פאלן דעם אָרעמען מענטשן,
און מ׳גיט א סך צדקה.
און מ׳ליידט פון גזירות, גירושים און פּלאָגן,
און גרויליק דער עול איז—
נאָר באלד קומט משיח און ס׳הייבט אָן צו טאָגן,
און מ׳איז פריי פונעם גלות...

יג

# אַ דיין אין שטעטל

„אַ שוחט איז אַ שוחט, די שטאָט דאַרף אַ דיין—
האָבן יידן אין שטעטל ניט אויפגעהערט ברייען.
פאַר דינים פון תפילות, פון צדקה און עסן—
נאָר מ׳האָט ערשט זיך פאַרוואָרצלט, און מ׳מוז נאָך פאַרגעסן".
און דאָ אין אַ פרישן און שיינעם פרימאָרגן,
מ׳האָט דערוואַכט קעגן טאָג מיט די אַלערליי זאָרגן,
דאָ האָט זיך צעקייקלט, ווי אַ לויפנדיקע ראָד,
אַ בשורה, זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

קיין אונגען איז געקומען ר׳ ברוכל דיין,
האָט פאַרלאָזט זיין שטעטל, ווייל דאָ בעסער זיין.
האָט פאַרלאָזט די זין, האָט פאַרמאַכט די טיר,
איז אוועק אין טרויער צוליב די ביטערע שניר.
אָ, זינט זי, זיין אַלטעטשקע, איז אים נפטר געוואָרן
איז ער, נעבעך, אַן אָרעמער נע־ונדניק געוואָרן;
פון זון צו זון, און געפינט ניט קיין אָרט,
און ס׳אַרט ניט די זין, און זיי זאָגן ניט קיין וואָרט...

נאָר גאָט איז אַ פאָטער, איז אַזוי געשען:
ר׳ ברוכל האָט אויך אַ טאָכטער אין אונגען.
אַז דער פאָטער האָט באַשריבן זיין אומגליק גענוי,
האָט זי געענטפערט דעם טאַטן אין אַ בריוול אַזוי:
„מיין ליבער פאָטער, איך פאַרשטיי דיינע ליידן,
זאָלסט בעסער מיט די זין און שניר זיך צעשיידן.
מיין מאַן איז אַ נגיד, דאַרום וואָלט איך וועלן,
זאָלסט קומען צו מיר, ס׳וועט דיר גאָרניט פעלן."

„דו בייג ניט דיין קאָפּ און פאַרליר ניט דיין פּנים,
און מאַך זיך א פּעקל, און פאַרלאָז די נאַראָנים;
א טאַטן דאַרף מען אָפּגעבן כּבוד און אַכטן,
ווּעסט זיין אין מיין שטוב און פון זיי מער ניט טראַכטן.
לאָז איבער די זין, און די שניר, וואָס בילן,
פּאַק-איין דיינע ספרים, דעם טלית און תּפילין,
און פאָר קיין אונגען און קום צו מיר וואוינען,
און מיר וועלן דיך ליבן און אַכטן און שוינען ..."

אַזוי-אָ, מיט לויב צו דער השגחה עליונה,
איז געקומען דער שווער צו ר' שלמהלען וואוינען.
אין שטעטל איז א שמחה, ס'א ייד מיט מעלות,
א צדיק, א חכם, און קען פּסקענען שאלות.
א שטוב מיט עשירות—וואָס דאַרף ער דען נאָך?
וועט די שטאָט אים נאָך געבן א רובל א וואָך ...
און קהל שעפּט נחת מיטן פולן שעפל:
ס'איז א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל ...

זאָגט אָבער דער דיין: אויפן דין שטייט די וועלט,
ער וויל זיין א שופט און ניט נעמען קיין געלט.
נאָר שטערן דעם שוחט, דאָס האָט ניט קיין זין,
ס'איז „הסגת גבול" לויטן יידישן דין.
טענהן די שטאָט-באַלעבאַטים און ברייען,
אַז נאָר מדלית ברירה איז דער שוחט א דיין.
פון דינים און שאלות ער ווייסט ניט קיין אלף,
זיין אייגענע פּרנסה איז דאָך נאָר דער חלף.
און דער אַלטער ר' ברוכל איז אין שטעטל, דעם נייעם,
געוואָרן, אין א מזלדיקער שעה, דער דיין.

• • • •

א גדולה אין שטעטל, ס'האָבן א דיין שוין יידן,

און ער וועט שוין האלטן די וואָגשאָל פון יושר און פרידן.
מיט זיין הדרת-פּנים און לומדות ער שפּרייט דאָ א שיין,
און דערגרייכט מיט זיין ערלעכן הארץ ביזן הימל אריין.
און העל גלאַנצט זיין ווייס-לאַנגע באָרד און די אויגן, די גרויסע,
זיי ברענגען א גרוס פון חכמים, פון מעכטיקן משה.
און פרום, מיט די פינגער ביים שטערן, ער זאָגט זיך זיין וואָרט,
ווי ער שטייט ביי דעם ארון קודש אין א הייליקן אָרט.

„וואָס זאָגט זי, די יידענע? און ער קוקט ניט צו דער אשה לאה,
נאָר ער מישט די בלעטער פון דעם ספר „יורה דעה".
„יעדע מלאכה, וואָס די תורה האָט שבת פארווערט,
איז אסור אויך יום-טוב און דעם הייליקן יום-טוב פארשטערט.
א היתר מדאוריתא איז נאָר מאכלים פאר מענטשן,
ווי ס'שטייט: „אַך אשר יאָכל" און כדי דו זאָלסט בענטשן;
איז קאָכן, דאָס מעג מען: אָבער ניט צעברעכן א שפּאָן—
זאָל זי געבן צדקה און גאָט וועט איר גאָרניט טאָן."

אוים יידענע... איז פליט עד אוועק אין די עולמות עליונים,
און זעט פון אמאָל די ראשונים און ביז די אחרונים.
„אָ, גאָט, אויף חכמה אזוי פיל כ'האָב זיך ניט געריכט;
ווי קען מען פארטראָגן אזוי פיל זוניקע ליכט .. "
און ס'זינגט אוים א לויב מיט א ניגון דער ייד, דער געטרייער,
און ס'לויכטן די באָרד און דאָס פּנים, אזוי ווי אין פייער,
„אָ, מצוות, קיין עין הרע, תרי"ג... וואו מ'גיט זיך א ריר...
א פאָלק, מלא מצוות כר..." און ווידער מ'קלאפּט אין דער טיר.

„שלום עליכם, ר' ייד. . איז וואָס ט'איר זאָגן?"
—„רבי, כ'בין געקומען צו אייך, ווייל מיין הארץ טוט מיך פּלאָגן.
כ'בין מיר א ייד א באלעגאָלע און אן עם-הארץ,
נאָר אן ערלעכער ייד, און פאר תורה איך האָב דרך-ארץ.
פארנאכט נאָכן עסן, איז זאָג איך תהלים אָן סוף,

נאָר א צייט שוין, אז באלד נאָכן עסן כאַפּט אַן מיך א שלאָף.
כ'האָב איין מאָל געהערט א רב, ניט איצטער גערעדט,
זאָגט ער, אז תורה דאַרף מען לערנען בייטאָג און ביינאַכט."

האָט דער אלטער דיין אין דער תורה זיך א רגע פאַרטראַכט:
„יאָ, די תורה דאַרף מען לערנען, ר' ייד, בייטאָג און ביינאַכט.
אז מ'איז מיד און מ'עסט ווי א חיה, ווערט מען אנטשלאָפן,
איז עס גלייך ווי מ'וואָלט פון דער תורה הקדושה אנטלאָפן.
פאַרקערט... ביינאַכט.. צוליב תורה דאַרף מען זיך פּלאָגן—
„לא איברי לילא אלא לגירסא"—זיי זאָגן.
„די נאַכט איז באַשאַפן צום לערנען", איז שטאַרקט זיך, ר' ייד—
מ'איז טועם צוביסלעך, איז ווערט מען ניט שלעפעריק, מיד."

און דורשטיק עס איז די נשמה און פרום איז דאָס פאָלק,
און אין דער הייליקער תורה געפינט מען א טאָלק;
די ערד איז ניט הפקר, פאַרלאָזן, א מדבר אָן רעגן,—
איז קומט מען צום דיין מיט דינים, און שאלות צו פרעגן.
און מ'קומט אויך דאָ פרעגן אַן עצה און מתוודה זיך זיין,
ווייל ס'האלט זיך דאָס פאָלק ביי דעם גלויבן, אין פרייד און אין פּיין.
איז קומט אויך צוגיין דער „סיטשקאַרניק", שמערקע דער כלאָפּ,
און ווי פאַרן פריץ, פאַרן דיין נעמט דאָס היטל אראָפּ.

און שמערקע טוט־אָן צוריק דאָס היטל און דברט אזוי:
„אוי, רבי, כ'זאָג אייך דעם אמת, כ'בין א פּשוטער גוי...
בין געבליבן א יתום צו ניין, צו שפּאָט און צו שאַנד,
און צו צען האָט מיין פעטער מיך שוין ווי א פערד איינגעשפּאַנט.
און א כוהן בין איך, כ'וויל האָבן ביים דוכענען מיין אָרט,
נאָר כ'בין א באָרמולע, כ'געדענק ניט פון „עברי" קיין וואָרט.
וואָס טויג מיר דאָס ווייב, די קינדער, די סיטשקע, די פערד,
אז ס'נאָגט און ס'גריזשעט, כ'פאַרשעלט מיינע טעג אויף דר'ערד?"

„בענטשן דאָס פאָלק—זאָגט דער דיין—איז גאָר פון אמאָל,
ווי עס שטייט געשריבן: „כה תברכו את בני ישראל".
א כוהן ביי יידן, וואָס דוכנט ניט, אז אָך און אז וויי,
איז מבייש דאָס פאָלק, און איז עובר אויף א מצוות עשה.
נאָר איר זענט א כוהן—א צדיק, איך זע אז איר ליידט,
איז וועל איך אייך אויסלערנען „עברי" אין א קורץ שטיקל צייט.
קומט צו מיר איין מאָל אין וואָך, און וואשט די ידים,
און כ'וועל אייך אויך לערנען דעם סדר פון נשיאת כפים."

און עס לערנט ר' ברוכל דיין אין די נעכט, אין די טעג,
פירט יידן אויפן דרך הישר, אויפן ערלעכן וועג.
ער גייט ניט אוועק פון די גאָלדענע אותיות א טראָט—
און אויף איטלעכן שריט און טריט באגעגנט ער גאָט!
און ס'לויכט זיין נשמה, ער איז איינגעוויקלט אין פלאמען,
און ער בינדט אזוי גרינג דעם הימל און די ערד צוזאַמען.
אָ־אָ, די אותיות, די טייערע, זיי פירן אים איבער
די העכסטע בערג און די טיפסטע ימען אריבער.

און די ערד פארן זקן ליגט פארביק, ווי א רעגנבויגן,
און ער זעט די יצירה און וואונדער מיט די ליכטיקע אויגן.
און ציט ער אריבער דעם טלית נאָך איבערן קאָפּ,
דאן שיינט פון זיין וועזן די תורה און שיינקייט אראָפּ.
צי זאָגט עס, דאָס מויל, א טרייסט, צי עס שטראָפט מיט פורעניות,
איז קומען נאָר פערל ארויס, פה מפיק מרגליות.
און ס'איז גליקלעך דאָס שטעטל מיטן למדן און ירא שמים,
און מ'האָט נאָר יסורים: איז אלט, טאָמער דארף מען א נייעם...

און ר' ברוכל דיין לויבט גאָט וואָס אזוי איז געשען,
און געאכפערט און שיין איז דער נאָמען פון שטעטל אונגען.

(סוף פון ערשטן טייל)

# מיין שטעטל אונגען

פּאָעמע

פון

ח. באַרקאַן

צווייטער טייל:

# וואוקס און לעבן

יד

# אַ נייע צייט

ס'לויפן, ס'פליסן די טעג און די יאָרן,
אונגען איז מיט מזל אלץ גרעסער געוואָרן.
די לופט איז דאָ פריש, און דאָס דאָרף איז ניט ווייט,
און דער הימל, דער בלויער, גיט רעגן אין צייט.
האָט דער ייד איבער זאָט שטיקל ברויט זיך דערפרייט,
און ס'האָט זיך אַ יידישער ישוב צעשפרייט.
און האסטיק עס טראָגן זיך יאָרן פארביי,
און ס'שטייט שוין אַ קלויסטער דאָ אויכעט דערביי.

דער צאר האָט אַ פּאָסט-הויז אנידערגעשטעלט,
אַ „טאמאָזשניע" מיט שטאָקן, חדרים—אַ וועלט.
און לעבן דעם שטעטל עס שטייט אַ וואָקזאל,
און ס'לויפט אָן דער באן מיט געפייף און געקנאל.
דאָס שטעטל עס ליגט ביים בעסאראבישן העק,
אָט לעבן דעם שטראליקן פּרוט, ביי זיין ברעג.
און איבערן פּרוט ליגט אַ ווייסינקע בריק,
אַ רומענישע באן לויפט אהין און צוריק.

דאָס רומענישע באנדל איז אַ קליינטשיקס און שוואך,
ס'שלעפּט זיך אויף רעלסן אָן כוחות, און פּראכט;
דריי פּאסאזשירן און צוויי-דריי וואגאָנעס,
און פייפט אלץ און קוויטשעט, ס'אַ גאָטס אַ רחמנות.
ס'קומען-אָן רייכע פּאסאזשירן פון אויסלאנד,
און דורך רומעניע זיי פאָרן קיין רוסלאנד.
די באן רוט זיך אָפּ, הפּנים אויף שפּאס,
און אַ האלבע שעה שפּעטער זי פאָרט צוריק קיין יאס.

נאָר די רוסישע באַן—אָ, זי קומט אָן אַהער
אויף דער אַנדערער זײַט, מיט געברום װי אַ בער!
קומט־אָן װי אַ ריז מיט אַ רױשן און קלינגען,
װי זי װיל דאָס רומענישע באַנדל פֿאַרשלינגען.
אַ לאָקאָמאָטיװ און װאַגאָנען, װי מױערן,
יאָגט־אָן מיט אַ זשום, מ׳פֿאַרשטאָפּט אױש די אױערן.
נעמט־אױף פּאַסאַזשירן, נעמט־אױף דעם באַגאַזש,
קײן פּערליץ, קײן קאַרנעשט און קײן קאַלאַראַש.

און װער ס׳האָט אַ זכות און געפֿינט חן בײַ גאָט,
פֿאָרט אַמאָל אױך קײן קעשינעװ, אין דער צװיבער־שטאָט.
מ׳פֿאָרט דאָרט פֿאַר מסחר, נאָר מ׳איז דאָך אַ ייִד,
און מ׳האָרעװעט שטענדיק און מ׳יאָגט און מ׳פּליט;
און מ׳האָט דאָך אַ נשמה, און מ׳איז ניט פֿון אײַזן,
בלײַבט מען אױף שבת צו הערן אַ חזן.
אָ, די זיסע ניגונים פֿון די גרױסע חזנים,
זײ ציִען זיך נאָך פֿון בית־המקדש, הפּנים...

און שפּעטער, אַז מ׳קומט שױן אין שטעטל צוריק,
איז „אײ, האָב איך געהערט אַ חזן, אַן אַנטיק!"
מ׳זאָגט ניסי בעלזער צו הערן איז װערט,
נאָר אַ חזן װי ראַזומני האָט איר נאָך ניט געהערט;
אַ קאָלאָראַטור, אַ מתיקות, אַ טאָן—
אַזאַ חזן צו הערן איז װערט אַ מיליאָן."
און ס׳הערן די ייִדן און שטױנען און גאַפֿן:
„אָ, די חידושים װאָס דער בורא האָט באַשאַפֿן!"

עס װאױנען אױך קריסטן אין שטעטל אַצינדער,
נאָר מ׳װאױנט ניט מיט ייִדן, מ׳לעבט זיך באַזונדער.
באַזעצט מען זיך װײַטער, בײַם פּאָסט־הױז, בײַם שטעטל,

מיט שטיבלעך, אָן אייזערן פלייטל, א גערטל.
זיי קלייבן צונויף זיך דאָ פון איבעראַל,
נאָר מערסטנס די דינער פון פאָסט און וואָקזאַל.
מ׳זעט זייערע ווייבער אין פרימאָרגן־שיין,
ווי זיי גייען מיט קיישלעך אין שטעטל אריין.

איז ברענגט מען די שפע צום קרעמער, דעם ייד,
צום שוסטער, צום בעקער, צום שניידער, צום שמיד.
מ׳קומט מיט א שמייכל און שיין און געלאסן,
ווי ס׳דאַרף דאָ פאר קריסטן, פאר פרומע, זיך פאסן;
און מ׳לאכט און מ׳קוועלט פון דעם וויצלינג, דעם ייד:
„אָ, יאנקעל, נו דאָ ... טי כאָראָשענקי זשיד. ..״*)
און מ׳קלאפט אים אין פלייצע מיט א פריילעך געמיט:
דאָ ... פאראן דאָ און דאָרט אויך א פיינינקער ייד ...״

און מ׳האָט שוין ניט איין מאָל געלאכט און געשטאָכן ...
און מ׳פילט שוין אין שטעטל אז מ׳האָט שוין א שכן ...
דו עסט דאָ דיין ברויט, דו טרינקסט וואסער א גלאָז,
נאָר ער איז דער הערשער און ער איז באלעבאָס.
אמאָל גיט א זעץ־אוים פון הארצן א פינע,
פון דורות און דורות געזאמלטע שנאה.
און שטום ווערן יידן, דערשראָקן, צעטראָגן,
און דאנקען ווען מ׳איז ניט צעהרגט־צעשלאָגן ...

נאָר אלט איז ישראליק, פון שונא ער לאכט—
ס׳הערשט איבער ערד דאָך די „אייבערשטע״ מאכט!
איז ווי נאָר יסורים, א צרה עס טרעפט,
ווערט באלד זיין נשמה מיטן הימל באהעפט.
ווי דער העלד פונעם גריכישן פאָלק מיט דער שווערד

---

*) אָ, יאָנקעל, נו יאָ ... ביסט אָ גוטינקער יידלעק ...

האָט געפונען זיין רפואה אין דער מוטער־ערד—
אזוי איז דער ייד מיטן געטלעכן ווען:
ס'טרעפט זיך א נס, און ער ווערט באלד גענעזן . . .

איז ליידט ער און בויט, און פאלט און שטייט־אויף.
אין נידער . . . אָט שפאנט ער שוין שטאָלץ בארג־ארויף.
און מ'האָט שוין א ראַמפּע*) אין אונגען אויפגעשטעלט,
געעפנט פאר סוחרים א ליכטיקע וועלט.
מ'האָט לאנג שוין געווארט אויף דער גרויסער ישועה,
איצט קען מען שוין שיקן אין דער וועלט אריין תבואה.
פון פאָרנט וואגאָנען פון פראכט דאָ שוין שטייען,
פאָרן־אָפּ קיין אָדעס פון דאנען אין רייען.

נו, שטייט שוין דער סוחר אויף וואך און ער לויערט,
און קויפט אָפּ די זעקלעך מיט תבואה ביים פויער.
און א רענדל ארויף און א רענדל אראָפּ,
און מ'ברענגט צו דער ראַמפּע און מ'וועגט זיי דאָ אָפּ.
און „גריזשטשיקעס" קומען און טומלען און שרייען,
און לאָדן אָן תבואות אין וואגאָנען אריין.
און קאָרן און גערשטן, פּאָפּשוי, און אויך ווייץ,
פון שטעטל אונגען דאָ עס שטראָמט און עס פלייצט.

און ס'האָט שוין דאָס שטעטל א „קאָמיסיאָנער",
וואָס פאָרט קיין אָדעס, אי אהין, אי אהער.
פירט דורך אין באנק די קאָמוניקאציעס,
מיט אלע פּאפּירן און אלע אסיגנאציעס.
ביים צוריקקומען קריגט ער א קבלת־פּנים,
ווי מ'וואָלט אים ניט געזען שוין ימים ושנים.

*) אַ תבואה־סקלאַד.

די סוחרים פון ראַמפּע, זיי שפּאַנען אים נאָך
מיט אַפּשיי און נייגיר און טומל און קאָך.

און ברייטלעך ס׳גייט דער קאָמיסיאָנער זיך אהיים,
ווי ער פירט דאָ מיליאָנען, בסוד, אין געהיים.
עס קהלן זיך סוחרים, מ׳פירט דאָ א צדיק,
און ער—קוים א וואָרט, רייסט ניט איין זיך דעם ספּאָדעק.
די מאָרדע געגאָלט, ער רעדט זאכלעך, בארוט,
און פּעט איז דער ייד, וועגט א זעקס־זיבן פּוד.
ער שפּאַנט גאָר פּאמעלעך...א וועלט־מענטש!...א ראָליע!...
און ס׳רופט אים דאָס שטעטעלע: חיים פּאוואָליע.

און מ׳זעט שוין די וועלט אין דעם יידישן ישוב,
און ס׳פאָרן שוין יידן דאָ אָפטער קיין קישינעוו.
„א יידיש גאזעט, זאָגט א ייד, שוין איך לעז",
און ס׳פאָרט שוין א סוחר אזש ביז קיין אָדעס.
און מ׳האָט ניט קיין מורא ווען פויסטן זיך ביילן
פון וועלטן, וואָס דראָען דעם קיום פון ייד . . .
ס׳איז א פעסטער יסוד און מיט אייזערנע זיילן,
בדמיך חיי . . . און מ׳ווערט קיינמאָל ניט מיד . . .

## טו

# יוגנט

ס'האָבן נייע ווינטן פון די פרעמדע ווייטן
זיך אריינגעריסן אין שטעטל פון פארצייטן.
רואיק זיצט מען ווי אמאָל אין די געצעלטן,
און מ'קלערט פון גאָט און זיינע הויכע וועלטן.
און דאָ—א טייוול־כוח מיט א זשומיק זידן
האָט אָנגעיאָגט און איז אריין צווישן יידן;
מיט א כישוף־שפראך: „מיר לעבן ווי ביי לייטן!"
און ס'האָט דאָס אלטע לעבן זיך גענומען בייטן.

„ס'לעבט דאָס פאָלק ישראל אין גלות, אינעם וויסטן—
רופן מיט א פייער הייסע ציוניסטן:
ס'האָט אין גלות נאָר געיאָגט זיך און געפלאָגט—
אייביק וואנדער, וואו געגעכטיקט ניט געטאָגט.
אָן א טראָפּן ליכט, אין חושך נאָר, אין שאָטן,
מ'טוט דאָס פאָלק נאָר טרייבן, שלאָגן, ברענען, בראָטן.
און הערצל וועט אונדז איצט באפרייען פון דער שאנד,
ער פירט אונדז גלייך קיין ציון, אונדזער הייליק לאנד."

ווי פונקען אין א וואלד צעשפרייטן, צינדן פייער,
און עס רוישט און קנאקט, און ס'ברענען בוים נאָך בוים,
אזוי האָט מיט אמאָל דער ייד דערפילט זיך פרייער,
געבענטשט דעם מנהיג הערצל, וואָס ברעכט דעם גלות־צוים.
נאָר די אמונה איז געווען אין ייד פאראנקערט,
ס'האָט גאָט געוואָרצלט דורות־לאנג אין פרומען הארצן,
האָט הערצלען טיף געדאנקט דער מידער ייד, דער קראנקער,
נאָר—גאָט, זאָל הערצל אונדז דאָס פנים ניט פארשווארצן...

און ס׳קלינגט צווישן יידן א בשורה פון משיח,
נאָר מ׳זאָגט, אז הערצל קומט צו יידן פון דער פרעמד;
ווי קען אים שיקן דער גוטער גאָט ווי זיין שליח,
אז זיין נאָמען ווי אן אפיקורס שמט? . . .
נאָר ליב איז אים דאָס פאָלק, איז מקריב אים זיין לעבן,
אזש ביי מלכים און מיניסטאָרן שפּארט ער אָן,
און זיין גייסט און שיינקייט אומעטום טוט שוועבן,
און אויפגעהויבן האָט ער העלדיש ציונס פאָן.

ס׳וויל מער די יוגנט פאר אמונה זיך ניט בויגן,
מ׳רייסט זיך אָפּ מיט בונט פון טאטן און פון מאמען;
מ׳קוקט ארויף צו הערצלען מיט פארגאפטע אויגן,
און אויף „סאָבראניעס״ יינגלעך-מיידלעך מ׳גייט צוזאמען.
און הויך און היים מ׳רעדט פון בייזן יידיש מזל,
מ׳דעבאטירט פון קאָנגרעס וואָס קומט, פון שקל;
פון מאקס נאָרדוי, פון ציון, די פּראָגראם פון באזל;
מ׳זינגט „התקוה״ און „שאו ציונה נס ודגל״.

און אָט קומט-אָן דער ערב-שבת, דער נאָך מיטאָג,
און מיידלעך גרייטן זיך, ווי צו דער וואַך דער וועכטער;
זיי גייען פרייטיק, ווי מקבל זיין דעם רו-טאָג,
טיילן נאציאָנאל פאָנד מארקעס, ציונס טעכטער.
און אויסגעפּוצט און ערנסט-שטיל פון הויז צו הויז,
מ׳שפּאנט ארום מיט די פארחלומט-שיינע אויגן,
און עפּעס פון די אויגן א טרויער קוקט ארויס,
הפנים, וואָס דער גלות האָט זיך לאנג פארצויגן . . .

און ס׳האָבן זיך אין שטעטל געיאוועט סאָציאליסטן:
„אָ, ביז ווען, ביז ווען וועט זיין דער מענטש א קנעכט?
דער אָרעמאן לעבט אין א גיהנום נאָר, א וויסטן,

און מ׳רויבט זײַן פּראַצע, זײַן פרײַהייט און זײַן רעכט.
אָ, קאַרל מאַרקס, דער חכם . . . שטייט־אויף, איר
ארבעטס־לײַט!
און זעט, אויף אָרעם־רײַך די בײזע װעלט צעטײלט זיך,
עס װערט באַרויבט גאָר אײַער שװערע מי און צײַט.
פון אַלע לענדער, פּראָלעטאַריער, פאַרבינדט זיך!״

און אין װעלדל קלינגען לידער װעגן פרײַהייט.
יוגנט צװישן פרישע, שאָטנדיקע ביימער,
שװערן צו דער פאָן דער רויטער, ליבע, טרײַהייט;
א רעדע, און ס׳קלינגט דער מאַרסעליעזע־זמר.
מ׳רעדט פון דומע, פרײַהייט, צאַר און קאָנסטיטוציע,
און װער ס׳זאָל טראָגן הויך די פײַערדיקע פאָן,
מ׳רוישט, מפ׳לאַמט, אָט קומט שוין אָן די רעװאָלוציע,
און מ׳װאַרפט דעם בײזן צאַר אַראָפּ פון הויכן טראָן.

און בײַ כײַקל סטאָליער אין דעם קעלער־שטיבל,
געבויט װי א טונעל אונטער דער „אַלטער״ שול,
שטוב־מענטשן און קרובים, מ׳רוישט אין א געװירבל,
געטומל און געבײזער, געקלאָג און קאַראַאול.
עלקע, כײַקלס טאָכטער, צעבונטעװעט א מורא:
זי האָט דאָ צוגעגרייט די בלוטיק־רויטע פאָן;
װײַל טראָגן זי אין גאַסן, װי מ׳טראָגט א תורה,
און זאָל די פּאָליצײַ איר װאָגן עפּעס טאָן...

און אין שטעטל קלינגט אַן עכאָ פון דער װײַטן,
די נײַע זון האָט אויך אויף ײדן זיך צעהעלט:
דער אַרבעטער, דער ייד, דערלעבט איצט נײַע צײַטן,
און קריגט זײַן אײגן אָרט דאָ אין דער גרויסער װעלט.
מ׳ט אָפּשאַפן די נויט און אָרעמקייט בײַ יידן,

דער „בונד" וועט ברענגען יידן פרייהייט, שלום, גליק;
עס קעמפט דער „בונד" פאַר פרייהייט, גלייכע רעכט
און פרידן,
און קעגן צאַר נעמט אנטייל אין דעם גרויסן קריג.

און שייקע שניידערס זון פאָרט אַפּ אין גרויסן כרך,
ער איז געווען אויף א פאַרזאַמלונג פון בונדיסטן;
מ'גיט א קורס א לאַנגען אין דער יידישער שפּראַך,
פאַר די יידישע אַרבעטער און פאַר סאָציאַליסטן.
האָט ער געהערט א רעדע—אָ, קולטור אין יידיש!—
א לויב דעם לשון יידיש האָט מען דאָרט געזונגען;
איז דאָס געווען א רעדע, צו לויפן נאָר אויף חידוש,
און אלע האָבן שטאָלץ די זיסע רייד געשלונגען.

און משה מאַלאַמוד און משה טייטעלבוים
האָבן אויפגעדעקט אין שטאָט א נייע וועלט:
ס'האָט אין אַמעריקע דאָרט ווי א שיינער בוים
זיך צעבליט דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.
פון אַמעריקע מ'האָט געשיקט זיי ביכער,
יהואש און ווינטשעווסקי, ביכער פולע זעק,
און אין שטעטל מ'האָט געטאַסקעט פולע טיכער—
ס'האָט אונגען געעפנט א רייכע ביבליאָטעק.

ס'קומט אריין אין שטעטל דער טאָג-גאַזעט, דער „פריינד".
און די ביבליאָטעק פאַרנעמט א חשוב אָרט,
מ'לייענט שוין דאָ דעם פאָלקס-גאַזעט, דעם „היינט",
און האַרציק קלינגט א שענער יידיש וואָרט.
מענדעלע מוכר ספרים שמייסט די רייכע, שלעכטע,
און פּרץ לערנט ווי צו לעבן אויף דער ערד;

פֿון שלום־עליכמען מ׳קאַטשעט זיך פֿון געלעכטער,
און אויפֿן הארץ דער גלות אַ ביסל גרינגער װערט.

און ס׳רוישט און פֿרײט זיך יוגנט מיטן נײַעם לעבן,
אַז ס׳װערט דאָס קול פֿון טאַטעס, זיידעס, אַזש פֿאַרטױבט,
נאָר ס׳װילן אַלטע דורות זיך ניט אונטערגעבן,
מ׳קלאַמערט זיך אין גלױבן, און מ׳דאַנקט גאָט און מ׳לױבט.
אויך טרעפֿט, פֿון תּורה־דור מ׳רײַסט זיך אָפּ, פֿון אַלטן,
מ׳װערט אַ משׂכּיל, מ׳לױפֿט אַריבער צו די נײַע;
איז פֿילט מען װי אַ גנבֿ, מ׳דאַרף זיך נאָך באַהאַלטן—
נאָר מ׳איז באַהערשט פֿון גרױסער צױבער־װעלט,
דער פֿרײַער.

טז

# זומער

עס זיינען אָנגעגאָסן פול מיט זאפט די טרויבן,
און ביימער שטייען אָנגעלאָדן מיט פרוכט,
איז דאָ פאר וואָס צו דאנקען און צו לויבן;
ס'האָט דאָס הארץ געפונען וואָס ס'האָט געזוכט.
ס'האָט די זון שוין אָפּגעפארבט אויף רויט די עפּל,
צייטיק הענגט דער וויינשל, אזוי צעגלאנצט און לויטער;
אויף פלוימען האָט זיך אָפּגעלייגט א דינער נעפּל,
און ברייטלעך ליגט זיך דער ארבוז, דער זאפטיק־רויטער.

ס'האָט זומער צעלייגט זיך אויף פעלדער,
צעגרינטע און רייפע,
און פייגל באזינגען אין וועלדער
די זאטקייט און שפע.

עס פרייען זיך זאנגען אין פעלד,
זיינען פולער געוואָרן,
און ס'שטיפט דאָרט א ווינטל און קוועלט
אין ווייץ און אין קאָרן.

אמאָל ווארפט די זון אויך מיט פלאמען,
ס'איז זומער אין לאנד,
עס ברענען פון ביימער די שטאמען
אין דער זוניקער בראנד.

ס'טוט דאָ די זון אמאָל בראָטן
אזש אָן א געצוים,

נאָר פריש און געזונט איז דער שאָטן
אונטער דעם בוים.

עס ווערן דאָ ביימער פארגעטערט
אויף בעסאראביער ערד:
אָט האָט זיך א בוים דאָ צעבלעטערט
פון א ווינטל וואָס ווערט.

ברענגט עס די זאפט און די פרישקייט
פון בארג און פון גאָרטן;
פון פירות—די ריחות און זיסקייט—
פון אלערליי סאָרטן.

און ס׳אָטעמט דער מענטש מיט הנאה
די ריחות, וואָס קוויקן,
און שמייכלט מיט פרייד און הכנעה,
מיט דאנקבארע בליקן.

און ס׳שפאנט דאָ דער פויער א שווערער,
און שטיל און פארקלערט:
„אָ, פאָטער, דו גיסט מיר דאָ מערער
ווי איך האָב די ווערט.״

ברענגט ער די ברכה, דער פויער, די תבואה, די פרוכטן, די גרינסן,
צו יידן אין שטעטל אריין,
שיינעך־אויף יידישע אויגן און מ׳חלומט שוין פון די געווינסן:
פרנסה ברווח וועט זיין.
פארשמעקן אין מארק דאָ די בארן, די פערעשקעס, זארזערעס, פלוימען,
א שלל, אָן א שיעור, אָן א מאָס:
פון ריחות פון עפל און טרויבן, עס לויפט אויף דער צונג אזש א שוים אָן,
און פארגייט מיט א טערפקייט אין נאָז.

און ס׳בייטן די פארבן די טונקעלע בלאָטעס אויף גאסן, אויף וועגן,
וואָס גלאנצן, ווי קויטיקע שויבן;
די זון האָט די „טינטערס״, די שווארצע, די ברודיקע וואסער פון רעגן,
פארטרוקנט, און ס׳פינקלען איצט שטויבן.
שפאנט איצט דאָס יונגווארג אויף שטויביקע גאסן אין טיפע ביינאכטן,
די קילקייט נעמט־דורך די ביינער;
זיי רוישן און רעדן פון פאָלק און פון יושר, זיי חלומען, דאכטן,
און לייגן פון יסוד דאָ די שטיינער.

און אין דער פרי שוין, ווי ס׳גייט אויף די זון הינטער בארגיקן שפּיץ,
שטראָמט שוין א וואַרעמקייט אָן,
און עס באקלאָגן זיך קרעמער: „אָ, ס׳שטעלט זיך א טאָג היינט מיט היץ,
נישטאָ וואו אהין זיך צו טאָן.״
נאָר מ׳שטייט אונטערטעניק ביים קונה, און מ׳האָוועט, מ׳וועגט
און מ׳מעסט,

און ס׳פארן די לייבער, ס׳איז היים;
און מ׳רוישט ביי דער לייזונג, און מ׳דאנקט פארן שטיקעלע ברויט
וואָס מ׳עסט,

און פארמאָרעט מ׳ווישט זיך דעם שווייס.

און מ׳איילט נאָך די קינדער פון שטיבער צו לערנען גאָטס תורה
אין „חדר״,

נאָר קינדערלעך לויפן סיי־ווי.
ס׳איז זומער, ס׳איז טרוקן די גאס, קען מען לויפן, זיך שפּילן כסדר,
און דער רבי לאָזט־אָפּ איצט פארפרי.

איז לויפט מען פארפרי פונעם „חדר״, מ׳איז פריי, מ׳איז גליקלעך,
ס׳איז גוט,

ס׳הילכט אויף די גאסן די פרייד.
און באלד ווערן כאָפּטעס פארבונדן, מ׳שפּאנט גלייך אראָפּ צו דעם פּרוט,

און אין פליסיקן וואסער מ׳גייט.
און קליינינקע ייִנגלעך, ווי געבאָרן אין וואסער, זיי שטרעקן זיך אויס,
און ווארפן די הענט איבער טיפן,
פון ווייטן מ׳זעט נאָר די קעפּלעך און פּאהלעך פון וואסער ארויס,
און זיי שווימען פון אויבן, ווי שיפן.

די זון שטייט אין הימל און גיסט אין דער לופטן די זודיקע שטראָמען,
אָט ווי פון א פלאמיקן פאס;
און ס׳שטייען די קרעמער צעווייקטע און קוקן ביי שוועלן פון קראָמען
ארויס אויף דער ליידיקער גאס.
אין מארק־טאָג זיי קומען, די פּויערן, אויך אין די היציקע טעג,
און נאָך דעם מ׳קויפט אין די קלייטן;
אין אייניקע גליאיקע טעג מ׳וויל זיך ניט לאָזן אין וועג,
און מ׳עסט און מ׳טרינקט פונעם גרייטן.

איז שפּעט אין נאָכמיטאָג מ׳גייט דאָ צום פרוט זיך פּארמאטערטע באָדן,
מ׳גייט דורכן פעלד ווי צו תשליך;
פּאמעלעך מ׳שפּאנט, מ׳איז א גאנצן טאָג דאָך מיט די דאגות באלאָדן,
מ׳שארט זיך פון הייפלעך און געסלעך.
עס גייען אויך ווייבער און מיידלעך זיך באָדן אין שטראליקן טייך—
נאָר יענע באזונדער זיי גייען.
מ׳שפּאנט בארג אראָפּ און מ׳טוט זיך אויס נאקעט, און אין טייך
אריין גלייך,
מיט געלעכטער און פרייד און געשרייען.

און ס׳טרעפט זיך אמאָל—אוי, דער שטן אין הארץ!— און מ׳קוקט
אין א זייט,
העט־אונטן, אראָפּ מיטן שטראָם,
עס טונקען זיך אונטער די מיידלעך און ווייבלעך ביים ברעג אין
דער ווייט,

אָט ארויף, אָט אראָפּ צום תהום.
און מ׳זעט פון דער ווייטן די ווייבערשע העמדער געשוואָלן אין ווינט,
און פון נאָענט צו זען גיט א צי,
און מ׳שווימט דאָ אראָפּ מיטן שטראָם, מ׳באהאלט זיך אין טייך
מיט די זינד,
צו שטילן דעם גלי...

דאָס טוען די יונגע...דער עלטערער דור לעבט זיך אוים מיט זיין
גלויבן
כאָטש ס׳טרעפט, מ׳פארבלאָנדזשעט אמאָל;
אין שטוב און אין דרויסן, די תורה און מוסר איז ריין און דערהויבן,
און לייטיש דער מנהג ישראל.
איז זעט מען ס׳איילן זיך יידן אין וואסער, זיי טונקען זיך אונטער,
מ׳דארף שוין גיין דאווענען מנחה.
די בידנע פרנסה...מ׳זינדיקט...איז לויפט מען אין שול אריין מונטער,
דעם אייבערשטן דינען מיט שמחה...

יז

# צוויי דורות

עס שטייען צוויי דורות אין הייסן געראַנגל ביז בלוט,
און ביידע באַשיצן דעם גלויבן מיט עקשנות און מוט.
עס שעפּן די אַלטע פון ברונעמס פון טאַטן און זיידן,
און פילן די קראַפט און די זיסקייט, דעם טעם גן־עדן.
נאָר יונגע פאַרלאָזן די תורה און מאַכן זי קלענער,
און פריידיקן נייעס, די וועלט פון אַרום איז נאָך שענער.
און ברעכן די צוימען, די אַלטע, און גראָבן אין יסוד,
און קערן זיך אָפּ פון דעם אוצר, פון אַלטן געבאָט.

עס האָבן די ווינטן, די שטאַרקע, פון ערגעץ פון ווייטן,
אַרײַנגעבראַכט קלאַנגען אין שטעטל פון גאָלדענע צײַטן.
מ׳קריגט מיט באַהאַלטענע וועגן, ווי אויף פליגל פון פייגל,
ביכלעך צום קאַמף קעגן צאַר מיט ציינער און נעגל.
און ס׳ברענגט־מיט מיט זיך ווען ער קומט נאָר, מאַקס רויטמאַן, אין רעקל,
פאַרבאָטענע ביכלעך פון קעשינעוו אין אַן אומשולדיק פּעקל.
און ס׳קומען חברים און מ׳גיט עס אַ נעם, אַ צעפּיר,
און מ׳שרעקט זיך ניט, ניט פאַרן צאַר און ניט פאַר סיביר.

אויס תורה, אויס שול... צו־ענג איז אין יעקבס געצעלט...
נאָר רוסיש און בילדונג, און—„אָ, ווי שיין איז די וועלט!"
אָט איז אויף שמעון מאַקאַרעשטער געקומען גאָטס שטראָף,
אַן ערלעכער ייד, איז געקומען אין שטעטל פון דאָרף.
איז זיין טאָכטער אַוועק און געבילדעט זיך יאָרן אין שטאָט,
און געקומען צוריק מיט אַ פּיסקל, וואָס ברענט און וואָס בראָט.
אַ דאַנטיסטקע, אַ דאָקטער געוואָרן... זי פּוצט זיך אין ווייסן,
און—„טאַטע, מ׳דאַרף די פאַרעלטערטע תורות צערייסן"...

און באַלערנט די יונגע: „אמאָליקע ליכטער שוין צאַנקען,
עפנט די אויגן און לערנט די נייע געדאַנקען!"
זי צעטיילט שטילערהייט דאָ די ביכלעך פון מענטשנס געשלעכט,
און פון ליטעראַטור, און די ביכלעך פון האַר און פון קנעכט.
און ס'קומען דעם נייגיר, דעם הונגער פון האַרצן צו שטילן,
יינגלעך פון פופצן און זעכצן, אָט ערשט נאָך געלייגט גאָר די תפילין.
און פאַליאַ סעמיאַנאָווגא שמועסט דאָ מיט יונגוואַרג גענוי,
און גיט זיי צו לייענען קראָפּאָטקין און מאַרקס און טאָלסטאָי.

צעזידט זיך נאָך מערער דער נייגיר, דער הונגער און גלי,
דאַן גייט מען אין אָוונט אַוועק צו משה כאַנזשי.
ביים דאַרן, צעבראָכענעם מענטש מיט געבויגענע פּלייצעס,
זוכט זי, די דורשטיקע יוגנט, אַ וויסן, אַ עצות.
און גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן אַ ים מיט געזעצטקייט,
איז רעדט ער אָפּ שעהן בנעימותדיק־שטיל, נאָר מיט פעסטקייט.
דערציילט ער פון וועלטן, פון וואונדער, חלומות געוועבטע,
און רעדט אַלץ פון פיינען און ליידן, די דורכגעלעבטע.

און ס'זיצט דאָ דאָס שטעטלשע יונגוואַרג פאַרכאַפּט און נשתומם,
עס פליען אַרום די נשמות בגבהי מרומים.
און מ'קוקט מיט צעפינקלטע אויגן אַראָפּ פון די הויכן:
„אָ, פול איז דאָרט אונטן די וועלט מיט שאָטנס און רויכן!"
און מ'זעט אים אַליין, דעם ליבן כאַנזשי, אין זיין פּיין,
ווי ס'וואַרפט פאַליציי אים אין ניקאָלייעווער פעסטונג אַריין.
ער ווערט דאָרט געשלאָגן, געפייניקט יאָר איין און יאָר אויס,
און ער האָפט און קוקט זיינע אויגן אויף פרייהייט אַלץ אויס.

און מאָיסעי כאַנזשי רעדט לאַנג און אַ סך, ווי זיין שטייגער,
אָן כוחות, מיטן קראַנקען קול, ביז ביינאַכט צוויי אַזייגער.
און דערשעפּט איז דער גוף, נאָר דער גייסט, אָ, ער ווערט גאָרניט מיד,

און ס׳שטראָמט פונעם הארצן א קוואל, וואָס אייביק ער זידט.
די יאָרן אין פעסטונג, פארשפארט אין די ענגע פיר איילן,
האָט ער דורכגעפאָרשט די ערד און אלע אירע טיילן.
זעט אוים, ס׳האָט דער קאָפּ ניט פארלאָרן קיין ברעקל, קיין טראָפּן,
און ס׳שלינגען, די יונגע, דאָ אלץ וואָס זיי קענען נאָר כאפּן...

אזא חן, אזא ליבשאפט עס ליגט אויף זיין ליכטיקן פּנים,
ער זעט אין די ווייטן די וואונדער, די בילדער, הפּנים.
ס׳איז אָפּן די ערד, און ער דרינגט אויך אריין אין די שטיבער.
אָט מאָלט ער א בילד פון אמעריקע, פון קוילן־גריבער:
פון סטעפּעס פון ווייטע, פון דער גרויסער און ווילדער אויסטראליע,
פון די פּרעכטיקע אלפּן, פון שווייץ און אויך פון איטאליע.
אָט לייקנט ער אָפּט מיטן שכל דעם נס פון תנ״ך,
און פּלוצים ער הייבט גאָר אָן זינגען א ניגון פון באך.

אָט גיסט זיך א טרויער: „חברים, אוי רוסלאנדס דאָליע!"
און ס׳פינקלען די אויגן מיט פייער: „אָ נאראָדנאיא וואָליא!"
„אָ, די העלדן, די בראווע, וואָס האָבן געענטפערט דער באנדע,
און האָבן געטייט דעם טיראן, אָט דעם צאר אלעקסאנדער..."
און דאָ קומט פון הארצן א זיפץ מיט רחמנות און צאָרן:
„אוי, פון דער שיינער פארטיי וואָס ס׳איז שפּעטער געוואָרן!..."
א רגע, א נביאישער גייסט נעמט אים דורך די ביינער:
„אָ, ס׳וועט נאָך פריי זיין דאָס רוסישע פאָלק, אָט דאָס שיינע!"

ס׳האָט אויך פאר יידיש די יוגנט א ליבע און דרך־ארץ,
דאָס לשון פון מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ.
ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד, ארום זיי — א טומל, א רעש;
ס׳קומען אויך יונגע: אָט רייזען און נאָמבערג און אַש.
יאָ, בילדן דאָס פאָלק און דאָס יידישע וואָרט מ׳ט דערהייבן,
די ליטעראטור דאָך פארשענערט דאָס יידישע לעבן...

אויף דעם אפטייקערס מאדאם, די געבילדעטע „פריצה״,
זי איז שוין אין ביבליאָטעק א „דיעיאַטיעלניצע״.

מאריא איז געבילדעט, און פון אריסטאָקראטישן שטאם,
איר גענגל, איר קולכל, זאָגט עדות: ס׳א צארטע מאדאם.
איז רעדט זי נאָר רוסיש, און אין ביבליאָטעק האלט די קאסע,
איז פארליבט אינעם פאָלק און וויל העלפן בילדן די מאסע.
נאָר מ׳קעמפט שוין פאר יידיש מיט גלויבן, און פייער און מוט,
בראש מיט צוויי משהם: טייטעלבוים און מאלאמוד.
איז מילא... אזא „ריסטאָקראטקע״ איז טאקע א חידוש,
נאָר זי האָט דאָ אָן אָרט און מ׳רעדט צו איר נאָר אין יידיש...

און—אָ, די ציוניסטן! לא ינום...מ׳טאָר מער ניט דרימלען!
ס׳שטורעמט א שריפה אין שטעטל, מ׳צינדט אָן די הימלען!
גענוג שוין, אָ יידן, זיך יאָגן, מיט פלאָגן, מיט דלות,
מ׳טאָר מער ניט ליידן...שוין צוויי טויזנט יאָר אין גלות!...
אָ, הערצל, זיין כוח, זיין צויבער, זיין שטיין אויף דער בינע—
מיר וועלן ארויפגיין קיין ציון בגילה ובּרינה!
און מ׳קומט זיך צונויף, ס׳איז דאָס לאנד און דאָס פאָלק אזוי טייער,
און מ׳שטורעמט, ס׳זידן וויכוחים, אז ס׳ברענט דאָ א פייער.

און די „חובבי השפה העברית״, זיי קאָכן און זידן,
אָט גייען ארויף באלד קיין ציון די גאנצע וועלט יידן.
מיר מוזן איצט לערנען מיט חשק די הייליקע שפראך
פון אונדזערע הייליקע אבות און פון דעם תנך.
מ׳דארף ניט קיין רוסיש, מיר ווילן ניט זיין אייראָפּעאיש,
און מיר ווארפן אוועק דעם „זשארגאָן״—נאָר מיר רעדן העברעאיש.
ס׳וועט הערצל באלד קריגן דאָס לאנד, ס׳איז צום גלות א סוף,
דארפן מיר קענען העברעאיש פון אלף ביז תיו.

און ס׳שטייען די טאטעס און קוקן פארלאָרן און גאפן,
ווי ס׳קרימען די זין זיך דאָ נאָך דער וועלט, ווי די אפן.
ס׳האָבן מאמעס די טעכטער געטאָן אזוי צערטלען און פלעגן—
נאָר אונטערגעוואקסן, און מ׳גייט שוין אויף אנדערע וועגן.
איז וואָרענען זיידעס: „אוי, קינדער, נאָר ברכות מיר מיינען,
נאָר מישט זיך, חלילה, ניט אוים מיט דער וועלט, איר וועט וויינען...״
און ס׳קוקן די באָבעס צעוויימיקט און פייניקן זיך:
„אך, אנדערע דורות, און ס׳בייט זיך די צייט אזוי גיך...״

און מ׳וויל ניט די נארישע וועלט נאָר זען פון דער ווייטנס,
נאָר מ׳וויל שוין אריין אין דער ליכט, אין דער רחבות, באצייטנס.
און מ׳הערט גאָרניט אויף דאָ די זיסע חלומות צו שפינען,
און מ׳גארט נאָך אמעריקע, גאָלדענע גליקן געפינען;
צי מ׳רייסט זיך קיין ציון, אין לאנד פון די אבות אמאָל,
און מ׳וויל גאָרניט ווארטן אויף משיחן און אויף גאָט פון ישראל.
און מ׳טוט אוים די יידישע קליידער, ס׳איז אנדערע צייטן,
און מ׳בייט אויך דאָס יידישע פנים, צו זיין ווי ביי לייטן.

און—אָ, דאָס יידישע מזל, ס׳איז אזוי שוין באשערט,
ס׳מאכט זיך אויך שיינע באלעבאטים פארקירצן די בערד:
מ׳זעט ניט די תורה, מ׳איז ניט ווי געווען אזוי פרום,
אָן פאות, מ׳עסט אָן א היטל, ווי גויים ארום.
מ׳גייט ניט אין שול, וואו מ׳האָט דורות די כוחות געשעפט,
ס׳האָט זיך א צאָרן צעגאָסן אויף יידישע קעפ.
וואָס זאָלן שוין זאָגן די יונגע געפערלעכע „לצים״?
ס׳שטראָמט אפיקורסות אין שטעטל און וויל עס פארפלייצן.

נו, רעדן די טאטעס צו קינדער, אמאָל נאָר די זיידעס:
„די תורה איז דער עיקר, דאָס לעבן פון פאָלק איז אן עדות.

שוין טויזנטער יאָרן מיר ווארטן ס'זאָל אָנהייבן טאָגן:
משיח . . . די וועלט איז דערלייזט און א סוף צו די פּלאָגן . . .
און דאָ נאָר מלחמות, און שנאה און רישעות טוט זידן,
און מער ווי אויף אלע, מ'לאָזט אוים דעם כעס צו יידן.
ווער האָט אזוי הויך נאָך געפּריידיקט דעם שלום ווי מיר?
און ווער האָט געענטפערט? וואו האָט זיך געעפנט א טיר? ..."

„מיט יידישע אותיות מיר האָבן פארשריבן מיט גלויבן:
„ס'איז הייליק דער מענטש און עס איז זיין נשמה דערהויבן.
ס'האָט גאָט אין זיין געטלעכער פאָרעם באשאפן דעם מענטשן,
געמאכט אים פאר הערשער פון ערדישער וועלט און געבענטשט אים.
ס'איז אָבער, פון הארצן זיין ווילן פון קינדווייז אָן שלעכט,
און „כל דאלים גבר", דער שטארקער האָט רעכט.
דער ים פון בייז און רציחה, ער האָט ניט קיין ברעג—
איז תורה דער סיג, דער צאם, דער איינציקער וועג..."

„נאָר ס'נעמען ניט אָן די פעלקער די וועגן פון תורה,
דער גזלן, דער שטן אין הארצן, ער לאָזט ניט, האָט מורא.
געדענקט איר ווי פאר מתן תורה ווי מ'האָט זיך פארהאקט ...
דער שטן דארף האָבן מלחמות, די ביקס און די האק...
איז קומט עס אוים, קינדער, אזוי איז געווען און וועט זיין,
מיר ליידן פון רישעות דערפאר, פון רדיפות און פּיין.
איז ווערט ניט פארפירט פון די טעמפּלען מיט גלאנץ און מיט פוץ,
היט אָפּ אייערע טייערע אוצרות, וואו ס'ליגט אייער שוץ."

„און זאָגט ניט ס'איז קנעכטשאפט, א לעבן אין ענגשאפט און גרוי,
דער הימל איז ברייט דאָ און פריי, און איז ליכטיק און בלוי.
די זון גיט דאָ אייביק איר חיות, און ס'איז א גן־עדן,
און האָסט דאָ דיין פרייהייט און יום־טוב און אייביקע פריידן.

וואָס רעדט איר פון „נייוועלט" און „צוקונפט" און „ליכטיקן מאָרגן"—
איר ווייסט צי ס'ט נעמען א סוף צו דעם חושך, צו זאָרגן?...
ווען שטאָלץ ס'וועט די וועלט דאָ די ליכטיקע אמתן טראָגן
פון אונדזערע אייביקע אוצרות, וועט אָנהייבן טאָגן..."

נאָר ס'האָבן די יונגע פארן „נעכטן" גאָר ווייניק דרך־ארץ,
און חלומען זיסע חלומות, און ברענגען א תירוץ:
„אמת, ס'טרינקט זיך די ערד אין די ימען פון בייז,
נאָר גאולה וועט קומען פון ארבעט, דורך בלוט, דורך שוויס.
אויך יוגנט צעטיילט זיך: ווער ס'טרוימט פונעם אלטן אמאָל,
פון אייגענעם לעבן אין אייגענעם ארץ ישראל.
און ס'טענהן אויך אנדערע, ענטפערן היציק צוריק:
„ווען וועלט ווערט דערלייזט, וועט דער ייד אויך געפינען זיין גליק..."

## יח

# יידן

װעלט איז זיך װעלט, און יידן זײַנען יידן,
מ׳ליידט, ס׳פארהײלט זיך און מ׳איז װײַטער צופרידן.
מ׳פראװעט א יום־טוב, א חתונה, ברית מילה,
און ס׳מערן זיך יידן, ס׳איז א שײנע קהילה.
מ׳חלומט פון העכערס, מ׳האלט זיך אינאײנעם—
מ׳האָט דאָך געבאָטן פון א לעבן א רײנעם!
אז מ׳האָט א נשמה האָט דאָס לעבן א װערט,
פארנעמט שוין אונגען א פײַן אָרט אויף דער ערד.

עס שײנט דאָ פילפארביק פון שטעטל דאָס פנים:
פון רײַכע און אָרעמע, פון קלוגע און נאראָנים.
פון װאוילע און בײזע, װער שװאך און װער שטארק,
פון נידעריקע, הויכע, װער מילד און װער קארג.
נאָר שײן זײַנען אלע...למשל, א מוסטער—
דאָס שטעטל האָט ליב אים: אבראשא דער שוסטער.
מ׳װאָלט קײן מאָל מיט אים דאָ ניט װעלן זיך שײדן,
ס׳לעבט פון זײַן חכמה א שטאָט דאָ אין פרײדן.

אבראשא, א קלוגער, א פרײלעך געמיט,
ער זיצט בײַ דער ארבעט, זינגט אונטער א ליד.
ער זיצט זיך צעשמײכלט בײַם אלטן װארשטאט,
און ס׳לויכטן די אײגלעך...ס׳איז ערגעץ ניט גלאט...
א פארטעך, דאָס העמדל צעכראָסטעט, קײן רעקל,
און קלאפט זיך געמיטלעך דאָ פלעקל נאָך פלעקל.
דאָס געשאָרענע בערדל ער טוט אָפּט א גלעט—
פון נארישן װעלטל ער לאכט דאָן און שפעט...

און ס׳טראָגן ארום זיך מיט אבראַשעס פרייד,
מיט די שפּיצלעך און חכמהלעך, קינד און קייט.
אין אומעטיקע טעג ווען ס׳נאָגט די נשמה,
קומט מען צו אבראַשען נאָך א וואָרט פון נחמה.
קען יוגנט פון צווייפל אמאָל ניט ארויס,
קומט מען צו אבראַשען אין פשוטן הויז.
און ס׳וועפּט אוים דער אומעט, מ׳זיצט און מ׳קווענט,
אבראַשע קלאַפּט פלעקלעך און לאַכט פון דער וועלט...

און ס׳זיצן דאָ שטעטלשע אינטעליגענטן,
ס׳פאַרריכטן די שיך דאָ אפילו סטודענטן;
זיי ווערן ניט מיד דאָ צו הערן און הערן,
און ס׳לויכטן די פּנימער פון שוסטערס דערקלערן:
„פאַרוואָס אונדזער וועלט איז אזוי ווי א „מיאַטש“?*)
—דו שפּיל זיך דאָ, מענטש, און זיי ניט קיין קוואַטש.
דו זינג און דו לאַך, און דו זיי ניט קיין נאַר
און לאָז ניט אריין אין הארצן קיין צער...“

„אָט טראַכט זיך אריין נאָר מיט שלווה און רו:
ניט געווען נאָך אזעלכע חכמים ווי דו?...
אָט בייט מען די וועלט, דאָ מיט גוטן, מיט צאָרן—
וואָס האָט מען געפעלט? וואָס איז דען געוואָרן?
דער מענטש איז ניט מער ווי א העכערע חיה,
כ׳קען ברענגען משלים און ראיה נאָך ראיה.
ס׳האָט ליב נאָר דאָס מענטשל חלומות צו וועבן...
איז לעב-זשע, דו מענטשל! כל-זמן דו קענסט לעבן!“

„אוודאי איז דאָ א סך גוטס אויף דער ערד,
אניט וואָלט דאָס לעבן ניט געהאַט קיין שום ווערט.

*) מיאַטש—פּילקע, באַל.

נאָר וויפל די זיילן פון דר'ערד וועלן שטיין,
וועט הערשן, הפנים, וואָס איז שטארק און געמיין...
דער טייוולשער כוח איז ווילד און איז שטארק,
און וואָס דער מענטש האָט, איז אים אלע מאָל קארג.
איז פרואוו זיי א מילדער, ניט בענטש און ניט שעלט,
און גיב דיינע פריידן און גוטסקייט דער וועלט".

„און אויב דו פארמאָגסט נאָר א ביסעלע פרייד,
א ווערטל, א שמייכל און ליכטיקע רייד,
איז גיב עס באשיידן און הארציק דער וועלט,
און זוך ניט קיין כבוד און בעט ניט קיין געלט.
א מענטש איז א וועלט, און איין-איינציקער וועזן
זיי שטאָלץ ווען פון דיר איז געוואָרן גענעזן;
דו ביסט דאָך ווי גאָט און דו גלאנצסט אין זיין שיין:
ברענגסט ווארעמקייט, ליכט אין א וועלטל אריין."

אבראשע, ער ארבעט און רעדט נאָכאנאנד,
געענדיקט . . . און מ'זיצט אין א וואונדערלעך לאנד:
„עס רעדט אויף א בימה א מענטש אין א היכל—
דער שוסטער רעדט גאָלדענע רייד און האָט שכל..."
וואָס האָט ער פארזיימט?...און מ'הייבט זיך אָן רירן,
מ'צעאקערט די רייד און מ'נעמט דעבאטירן.
און דער קלוגער אבראשע ווערט איצטער אנטשוויגן,
ער שמייכלט און זינגט זיך שטיל אונטער א ניגון.

און פריילעכע שפיצלעך קען אָפטאָן דער שוסטער,
אָט, אידל דער שניידער, א ביישפיל, א מוסטער:
זיצט אידלס פאמיליע, אין אָוונט ביים טיש,
מ'קייעט דאָס ברויט מיט געפּרעגלטע פיש.
איז אבראשע אריין מיט א רעש א גרויסן:

„וואָס זיצט איר דאָ רואיק, ס'איז חושך אין דרויסן!"
און ער האלט זיך ביים קאָפּ און ער לויפט גלייך ארויס...
לאָזט מען איבער דאָס עסן און מ'פליט פונעם הויז.
און אבראשע, ער שטייט שוין אין גאס און ער לאכט:
„כ'זאָג ניט קיין ליגן...ס'איז חושך, ס'איז נאכט..."

זיין יינגעלע סאשע—א קניפּ אינעם בעקל,
און ער מאכט אים א נייע פּאָר הויזן און רעקל,
מיט קעשענעס פופצן מ'האָט דאָס געמאכט,
און דער שוסטער, ער רעדט צו זיין זונדל און לאכט:
„אויב עמיצער פרעגט: וויפל קעשענעס האָסטו?
זאָג, אז ס'מוז אים א קאָפּיקע קאָסטן.
דו וועסט אים די קעשענעס באלד איבערציילן,
און נאָך דעם דאָס געלט צו די אָרעמע טיילן..."

נאָר גוט איז אבראשע א פּאָר טעג פאר שבת—
לאָזט איבער דעם ווארשטאט, די שטיוול, די שקראָבעס,
און גייט, ווי אין פּורים, פון הויז דאָ צו הויז:
„נו, גיט מיר א גראָשן און וואַרפט מיך ארויס!"
פארניורעט דאָס פּנים, נאָר אויגן זיי גלאנצן,
די באקן צעבליען זיך, רויט ווי מאראנצן;
ער זעט שוין די פרייד ווען ער ברענגט די מתנה,
און דעם פריילעכן טיש ביי דבורה דער אלמנה...

און שייע דער שניידער מיטן האָריקן פּנים,
האָט א שטוב מיט קינדערלעך, בנות ובנים.
אָט שטייט ער ביים טיש מיט א „מאָס" און מיט קרייד,
דארף מאכן א פעלץ פאר א פויער אין צייט.
אין גרויען פרימאָרגן ער נעמט זיך שוין מיען,
אָט איז ער ביים טיש, און אָט ביים מאשין.

נאָר איצטער איז ער שוין א שטיקעלע שררה,
עס העלפט שוין דעם טאטן די טאָכטער חיה־שרה.

אין אָוונט האָט שייע א מנהג א שיינעם,
ער עפנט זיין טיר פאר ארומיקע שכנים.
רחל, דאָס ווייב זיינס, זי גרייט־צו די בענקלעך,
ס׳שטייט אויך א באנק און א פאָר טאבורעטלעך.
איז רעדן זיך יידן דאָ דורך א ביסל,
פון גאָט און פון מסחר, פון ברויט און פון שיסל...
און פלוצים ווערט שטיל, ס׳זיצט שייע העט אויבן,
און א מעשה א שיינע ער האָט אָנגעהויבן.

עס איז ביי דעם שניידער פארוואָרצלטער שטייגער
צו איינקויפן ביכלעך ביים פאקן־טרעגער.
אָ, שמרם מעשיות! עס שווידערט דאָס לייב—
געבענטשט זאָל נאָר זיין די האנט וואָס דאָס שרייבט!
און אנדערע ביכלעך, פאראן דאָך גענוג,
ס׳איז שיין דאָרט די וועלט, און מ׳ווערט טאקע קלוג...
איז לייענט ער די מעשיות פארטראָגן, אין פיבער,
און דערציילט זיי אין אָוונט פאר שכנים דאָ איבער.

א מעשה מיט א מאן, איז אין מיטן ראש־השנה
אנטלאָפן פון ווייב, זי איז געבליבן אן עגונה...
נו, ווערט ער דערהרגעט ביי א טייך, אין א מיל,
און זיין נשמה פליט אריין אין א קראָקאָדיל.
זיינען מענטשן געקומען צום טייך און געשטוינט,
דער קראָקאָדיל האָט גערעדט, און געקלאָגט און געוויינט.
אזוי, ביז די עגונה איז געקומען אמאָל,
און דערקענט איר מאן אין דעם קלעגלעכן קול.

א מעשה ווי א יונגערמאַן, וואויל און איידל,
האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט אין א שיין יידיש מיידל.
נאָר זי האָט, אָן ליבע, זיך פון אים אָפּגעקערט,
ווייל זי האָט א בעטלער גאָר פלאַמיק באַגערט...
מ'האָט חתונה געהאַט, נאָך ימים ושנים
איז דער בעטלער געשטאָרבן, זי בלייבט אַן אלמנה;
און דער ערשטער, שוין איצט א מיליאָנער, קומט אויף גיך
באַצירט זי און נעמט זי קיין אמעריקע צו זיך...

און ער שיינט, שייע שניידער, עס ווערט אים אזש היים,
און ס'ווישט זיין פּאַטשיילע פון שטערן דעם שווייס.
און ס'לויפן די שעהן פון אָוונט אַוועק,
און ס'האָט ניט די מעשה קיין סוף און קיין עק.
ער מאָלט אויס מיט הארץ און מיט האַריקע הענט,
און ס'שפּרייט זיך אַן אומעט אַז ס'וויינען די ווענט.
זאָגט אָפּט „נו, הקיצור”, לויפט ווייטער אַוועק,
און שכנים זיי גאַפן, נאָר מ'זעט קוים א ברעג...

געענדיקט... און נעמט זיך שוין ווידער צום שפּינען,
אַז שכנים זאָלן מאָרגן זיך אויך דאָ געפינען...
ער פירט זיי א קאַפּעטשקע טיפער אַריין,
און ס'לייגט זיך אויפן פּנים א טראָפּעלע פיין:
„נו, האָט א גוטע נאַכט, מיינע שכנים און פריינד,
כ'ל פאַרזעצן מאָרגן, געגוג שוין פאַר היינט.”
און ס'שטייען-אויף זאַטע די מענער, צווויי ווייבער,
און שייעס פלימעניק, דער איצטיקער שרייבער.

עס קען א ייד אויפבויען פּרעכטיקע וועלטן,
און ס'קענען אויך יידן זיך זידלען און שעלטן.
דער טויבער הערש-לייב האָט א קרעמל פון שפּייז,

פון הערינג און מעל, און פון צוקער און רייז.
טוט־אָפּ אים א צווייטער א פּשוטע „זאַך",
מאכט־אויף אזא קראַם אונטער זעלביקן דאַך.
שטייט מען דאָ אויף אין באַגינען מיט זאָרגן,
און ס׳הילכן שוין קללות אין פרישן פרימאָרגן.

דער טויבער הערש־לייב האָט צעלעכערטע אויערן,
איז שטיל, תמעוואטע און די אויגן זיי טרויערן.
אז ס׳קומט צו די קללות, צו „וזאת הברכה",
דאָ העלפט אים דאָס ווייב, זי קען גוט די מלאכה...
ער מאכט נאָר דעם אָנהייב: „דו זשלאָב! פּאסקודניאק!"
און ער קריגט באלד א רעשט מיטן גאנצן קנאַק.
דאָ לויפט אָן זיין איטע מיט א קווימשען, א מורא,
און דערלאַנגט ערשט דעם שכן די אמתע סחורה...

נאָר מ׳הערט אויך פון יידן אזעלכע געשרייען,
וואָס זיינען געלייטערטע, הייליקע ווייען
פון לויטערסטע טיפן אין הארץ אויפגעכאָוועט,
און קענען דערגיין ביז צום כסא הכבוד.
געוועזן אין אונגען הערשל צירלס אצינדער,
א פיינער בעל־תפילה, אויף איין אויג א בלינדער.
א נשמה געהאַט—נאָר געפלויגן אין הימלען:
„אָ, יידן, לא ינום...אונדזער גאָט טוט ניט דרימלען!..."

און שטענדיק פון הארצן געבעטן רפואות,
און שטענדיק מתפלל געוועזן אויף ישועות.
און—אָ, ס׳איז אים ענג אויף דער ערד דאָ צו וואוינען,
דער מענטש טוט דעם „צלם אלוהים" דאָ ניט שוינען...
יום־כיפור ביי „הנני העני", איז תמיד—
די ערשטע דריי ווערטער און ער פאלט אויפן עמוד.

דער קאָפּ ליגט פאַרחלשט, קיין ווערטער, קיין זאָגן,
און לאַנג־לאַנג מ׳הערט נאָר זיין וויינען און קלאָגן.

• • •

דער רבונו של עולם האָט די שטאָט געטאָן בענטשן,
האָבן גרויסע נשמות אויך פּראָסטערע מענטשן.
נאָר אייביק מיט ליכט און מיט לויב און „ברוך אתה״—
ווי דאָס איז געווען מיין פּשוטער טאַטע.

מיין טאַטע—אַ חכם, נאָר פּשוטער ייד,
פון די וואָס דער דיכטער האָט געלויבט אַזוי הייס:
„געבענטשט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס.״

מיין טאַטע—באַגינען, אין בלויען פרימאָרגן,
שטיל איז די וועלט נאָך, און ערלעך און ריין;
האָט ער שוין געשפּאַנט הינטער שטאָט מיט די זאָרגן,
האָט ער שוין געשפּאַנט מיט זיין אָרעם געביין.

אַ דאַר, אָרעם יידל, געשווירן דאָס בערדל,
אַ מטופל מיט קינדער, אַ יאָך אויפן קאָפּ;
האָט ווייט אין דער טונקל באַמערקט נאָר אַ פערדל,
איז ער באַלד צום פויער געלאָפן גאַלאָפּ.

„גוט מאָרגן, וואַסילי! וואָס פירסטו דאָרט? עפּל?״
פון וועגעלע שמעקט בעסאַראַביער פעלד.
אַ פּאָרקע אין פורל, אַ חכמה, אַ ווערטל—
און פויער דערמונטערט שוין כאַפּט און קוועלט.

„אוי, יאַנקוליע...כי־כי...אַ ייד אַ מחיה...״
און מ׳פּאַטשט זיך די הענט שוין, עס הילכן די בערג;
געקויפט, און ער שפּאַנט שוין—צי פרוכטן, צי תבואה—
און יעקב לויבט גאָט אויפן בלאָטיקן וועג.

די זון אין צעלויכטענעם טאָג שטייט שוין העכער.
„קויפט פיש, ליבע קונים!" מ'הערט יעקובס קול.
ער פאָלגט דעם גזר פון בזיעת אפיך:
„אוי, קארפּן און קאַרעסן! פרישע, בזול!..."

„נו, פריידע מיין ווייב, דו נעם אויך א פּאָר שאַלן."
די שטילע באלעבאָסטע נעמט וועגן די פּרוכט.
אָט ווארפט מען אראָפּ באלד די וואָכיקע עולן,
דער הייליקער שבת שמעקט שוין אין דער לופט.

דעם טאטנס א טאָג... און פארנאכט, אין דער וואָכן,
ער זיצט אויפן גאניקל מיד און פארקלערט:
„זון, אנו רעכן צונויף מיר דעם חשבון,
וואָס האָט מיר גאָט היינט מיט זיין רחמים באשערט?"

און קומט אָן דער הייליקער פריטיק־צו־נאכטס,
די רו און די פרייד, ווי א וואונדער, א חלום:
א שירה צו גאָט זינגט דאָס יידישע הארץ:
„אוי, שלום עליכם, מלאכי השלום!"

און שפּעטער, מ'שטופּט זיך ביי אָפענע פענצטער:
„כל מקדש שביעי", ווי הארציק און פריש;
ס'איז דער פּראָסטער ר' יאנקל פון גאָט א געבענטשטער,
א מנין חסידים דאָ זינגען ביים טיש.

און חייקע און חיים און פייגע און פּערל—
די שטימען, די זיסע, זיי קלינגען;
די מוטער, די ליבע, און מענדל און אשר.
שבתי, לייבל—א פרייד ווי זיי זינגען!
דעם פאָטערס קול קלינגט... און מענדעלעס אלט,
א דאר גופל—און גאָלדענע טענער;

בײַ א חזן אין קעשינעוו ר׳וועט זינגען שוין באלד,
ער וועט שוין ניט זײַן קיין אונגענער . . .

און יאנקל זינגט זים און עס קײַקלען זיך טרעלן,
און היים און התלהבותדיק גיסט זיך זײַן טאָן.
די שטילע אשת־חיל, זי הערט ניט אויף קוועלן:
איר מאן איז א מלך און זיצט אויפן טראָן.

אזוי לעבט א פשוטער ייד אין זײַן שטעטל.
און קומט אמאָל אונטער פון שפּע א צײַט,
איז האלט ער אין הארצן שוין פּארטיק א צעטל
מיט גוטסקייט און רחמים פאר אָרעמע־לײַט.

קריגט אידל דער שנײַדער אין א ביטערן ווינטער
א וועגעלע האָלץ, און ער ווייסט ניט פון וואַן;
„א דאנק דיר, בעל רחמים!״ ס׳איז ווארעם, מ׳איז מונטער,
און אידל זוכט אום דעם באהאלטענעם מאן...

און שייע דער שוסטער, א דארער און געל,
אין שטוב ליגט אן אומעט, עס יאָמערט די נויט.
אין איינעם א טאָג—„אוי, א גאנצער זאק מעל!״
עס האָט אים ר׳ יאנקל געשיקט דאָס אויף ברויט.

א פשוטער ייד האָט געלעבט אויף דער ערד,
נאָר געהאט האָט א גרויסע נשמה דער מענטש;
„אָ, פריידע, כ׳האָב אין שול הרב פישמאן געהערט—
אויף אייביק זײַן נאָמען זאָל נאָר זײַן געבענטשט!...״

אין אָוונט ביים עסן ער בענטשט אזוי זים,
און ענדיקט שוין הארציק „את עמו בשלום״,
שטעלט ער זיך אויף ערשט מיט הענט אויפן טיש,
און גיט־צו: „א דאנק דיר, רבונו של עולם.״

און שפּעטער עס קומט עליע אַדלס צו לויפן,
און ברענגט אַן א בלאַטע, אַן וואקל, אַן מורא:
„ר׳ יאנקל, דער רב האָט געשיקט מיך אייך רופן,
זיך עצהן מיט אייך אין א שווערער דין־תורה.״״

פאראייביקט מיין טאטע זאָל זיין אין מיין ליד,
יאָ, מיט די קדושים שוין „דאָרטן״ ער געהערט.
אוי, טאטעניו זיסער, דו הייליקער ייד,
איך קוש דיר פון וויטן דיין קבר, דיין ערד...

און מיין מאמע, די כשרע, שטילע און פרומע — — —
מיין מאמע אומגעקומען איז אין שעה פון גרויסן צאָרן,
נאָר כ׳לייען נאָך אלץ פון איר די בייגעלעך פאפיר.
פון רוצח, ימח שמו, דערמאָרדעט זי איז געוואָרן,
נאָר אין די בריוו נאָך לעבעדיק זי רעדט צו מיר.

„מיין זון, כ׳וויים צי כ׳ל דערלעבן נאָך אמאָל צו זען דיך?
נאָר כ׳שרייב, און ס׳דאכט זיך מיר אז כ׳בין איצט לעבן דיר.
כ׳וויים, ס׳איז שווער פאר דיר אונדז אלע אריבערברענגען,
כ׳קען דיך,
איז קום איך איצט צו דיר אין טרער אויפן פאפיר...

די גרויע אויגן דיינע, ליבע, פרומע מאמע מיינע,
דאן האָבן וויינענדיק געזען מיך אין דער טיף.
איצט לייען איך דיינע ווערטער, אָט די תמימותדיקע־פיינע,
און זע דיין בילד ווי אָנגעקלעפּט דאָ אויפן בריוו.

אכט קינדער האָסט דערצויגן אין דיין שטילער מוטער־ראָל,
מ׳איז ווי די פייגל זיך צעפלויגן איבער ערד.
איצט לייען איך אין דער הויך דיין בריוו מיט תפילה
איז מיין קול,
ניט אָפּגעגעבן האָבן מיר וואָס דיר געהערט.

אָ, אָפּדינען מיט כבוד דיר כ׳בין ניט געווען בכוח,
נאָר לעבעדיק דו בלייבסט, אַט שטייסטו קעגן מיר.
דאכטענישן, נעפּלען, זיי צעגייען ווי א רויך—
דו פירסט דעם טאטן, און שטיל עס עפנט זיך די טיר...

• • •

און געווען זיינען לומדים אין שטעטל, משכילים—
„אָ, זאָלן די פרומע שוין זאָגן תהילים!"
מ׳לייענט אין די בלעטער אי פּראָזע, אי שירה,
מ׳לייענט דעם „הזמן" און מ׳לייענט די „הצפירה".
„איי טשרניחובסקי און איי־איי־איי ביאליק"—
דער שיר „על השחיטה" איז זים און איז גאליק...
עס שטראָמט דאָך פון אים אזא קראפט אזא שיינקייט:
„נא, תלין, מיין האלדז!", אזא קלאָג, אזא ריינקייט...

אַט קומט אָן אין שטעטל אין א פריימיק א שיינעם
ביאליק, פון אויסלאנד און דורך רומעניע.
איז אויפן וואָקזאל דאָ מיט שטורמישער פרייד
ס׳איז מקבל־פנים אים קינד און קייט.
ער גייט איבער גאסן, „הידד!" און „הידד!",
„ביאליק!... דער דיכטער פון געטלעך גענאָד!..."
ניט שיין פאר א דיכטער א שטוב אן אָרעמאנסקי,
און מ׳פירט אים אוועק צו ר׳ מאָטיע הערמאנסקי.

ר׳ מאָטיע איז א משכיל, ווי אויך א גביר,
מיט אן אָפענער האנט און אן אָפענער טיר.
איז א למדן א ייד, ווי אויך א ציוניסט,
געמיטלעך און קלוג, מיט א ווערטל פארזיסט.
איז פרייטיק־צו־נאכטס, אלע אויפגעלעבט, שטראליק,
קומט דער עולם באגריסן דעם משורר ביאליק.
און ס׳שטייט־אויף ר׳ מאָטיע מיט א שמייכל, צופרידן,
זאָגט א וואָרט און שטעלט פאָר דעם גאסט פאר די יידן.

שווערן זיך יידן ביי הימל און ערד,
אַזאַ חכמה מ׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט.
מ׳זיצט ווי פאַרכישופט, מ׳איז דורשטיק צו הערן,
און ס׳פאַלן פון ביאַליקס מויל פּערל נאָך פּערל.
און רעדט ער פון תורה, פון יידן, פון כלל,
גלוסט זיך צו טרינקען אַלץ מער פון דעם קוואַל.
און מאַטיע האָט נאָכדעם געשטראַלט: „וואויל איז מיר,
וואָס ביאַליק האָט באַטראָטן די שוועל פון מיין טיר.״

און אָט איז שלום אָזרוט, מיט אַ קלוגן מוח,
מיט ביטחון, ער מוז, ער וועט שטייגן אין דער הויך.
אַן אָרעמער שוסטער געוועזן לאַנגע יאָרן,
און נאָך דעם אַ סוחר פון תבואה געוואָרן.
ער קויפט־אויף אין דאָרף די תבואה ביי פּויערן,
און האַלט אין אַ שייער ווי לאַנג ס׳זאָל ניט דויערן.
ביז פּרייזן זיי שטייגן ביז העט־העט אַרויף,
דאָ קריגט ער זיין רווח, און באַלד ער פאַרקויפט.

איז יאַנקל דער פּרוכטמאַן, אַ חבר אַ ליבער,
און איינער צום צווייטן מ׳קומט אין די שטיבער.
קוקט שלום אויף יאַנקלען חניפהדיק־זיס,
אָט פאַלט ער פאַר יאַנקלען אַראָפּ צו די פיס.
קומט שלום צו יאַנקלען פאַרטרייבן די צייט,
און „מ׳חשבונט״ אין דאָמינאָ—געבילדעטע לייט.
שפּילט שלום, און ציטערט מיטן רעכטן פוס,
אַזאַ טבע ביי אים איז, ס׳איז גלאַט פאַר געניוס.

הייסט עס—זאָגט שלום—און קוקט אויף די „שטיינער״,
דו ווילסט מיר אַריינקריכן טיף אין דיביינער.
דו מיינסט אַז אָט האָסטו געפּאַקט דאָ אַ יאַלד—

איז אַט וועסטו וויסן ווער שלום איז באַלד.
און חשבונט, און האַלט שוין אַ „שטיין" אין דער האַנט,
וועט באַלד מאַכן יאַנקלען צו שפּאַט און צו שאַנד.
און פּלוצים—אָ, יאַנקל, ער גייט צו אַ ציל—
ער לייגט־צו אַ שטיין און ער שפּאַרט אָפּ די שפּיל...

אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל גייט, און ווידער און ווידער,
און היימיש, מיט האַרץ, ווי צוויי לייבלעכע ברידער.
נאָר קלאָמפּערשט מ'רייצט זיך: „אוי, יאַנקל, קענסט שפּילן
ווי איך בין אַ סופר און קען שרייבן תפילין".
„אָ, וואַרט נאָר—זאָגט יאַנקל—וועסט ווידער פאַרלירן,
באַלד מאַך איך אַ גאַנג און דו קענסט זיך ניט רירן . . ."
לייגט שלום אַ „שטיין": יאָ, יאַנקל, געטראָפן...
„אַל יתהלל חוגר כמפתח . . . גיי שלאָפן . . ."

גאָספּאָדין*) יחיאל ניימאַן איז אַ „אוטשאָני יעווריי"**),
איז רעדט ער און קנאַקט אַלץ די שפּראַך פון ראָסיי.
ער קען אויך גוט יידיש, נאָר איז ניט צופרידן:
אַ חריפות? דאָס קענען כמעט אַלע יידן.
רוסיש צו רעדן איז אַ כבוד, אַ גליק—
אָ, די שפּראַך פון אַ פּושקין! אָ, רוסקי יאַזיק!***)
האָט אַמאָל נאָך געלערנט אין אַ רוסישער שולע,
איז ער שטאָלץ מיט זיין רוסיש, ער שיינט פון גדולה.

„איר קענט זיין אַ ייד, און איר קענט זיין אַ גוי—
אָבער וואו איז נאָך דאָ אויף דער וועלט אַ טאָלסטאָי?
אַ יחוס, איי מענדעלי מוכר ספרים—
קעגן גאָגאָל און טשעכאָוו ער האָט דען אַ פּנים?

*) גאָספּאָדין—הער.
**) אוטשאָני יעווריי—געבילדעטער ייד.
***) רוסקי יאזיק—די רוסישע שפּראַך.

מ׳קען רעדן יידיש און ליבן דאָס פאָלק—
און נוצן דעם אמת און לאָגיק און טאַלק!
איך האָב פאר די יידן—זאָגט ניימאַן—דרך ארץ,
נאָר ס׳הייסט איר פארגלייכט מיר א גאַרקי מיט פרץ?״

האָט ניימאַן פארוואָרפן דעם גלויבן פון דורות,
איז וועלטלעך און פריי, איז א גרויסער אפיקורס.
נאָר א וואוילער ייד איז ער, קלוג אָן א סוף,
און האָט ליב צו פארברענגען מיט פישמאַן דעם רב...
אין אומעט ער זוכט אָפט פון וועלט א באשייד,
ער פילט דאן געטרייסט זיך פון רבס קלוגע רייד.
ס׳שטראָמט פון אים חכמה, אָט יידן, אָט וועלט,
קוקט ניימאַן אין מויל אים און שמייכלט און קוועלט...

נאָך קליגער פון יחיאלן, און שפילט גאָר א ראָליע,
איז אין שטעטל דער פשוטער זעליג דער סטאָליער.
די וואוקס איז א קליינע, און קוים איינגעבויגן,
נאָר ס׳שמייכלען אין קאָפּ א פּאָר טיף-קלוגע אויגן.
ער רעדט ווי א רבי, פון „דאָרט״ און פון דאנען,
און ברוגזט זיך אָן אז מ׳האָט ניט פארשטאנען.
ער איז אין אמעריקע אמאָל שוין געווען,
וועט אייביק דערציילן וואָס ער האָט דאָרט געזען...

אז מ׳האָט ניט קיין מזל, ס׳איז גליק ניט באשערט,
האָט גאָרניט קיין ווערט דאָ דאָס לעבן אויף דר׳ערד.
אמעריקע...א גאָלדענער חלום פארפלויגן,
ווייל זיין שרה-ביילע האָט טראכאָמישע אויגן...
א פּאָר יאָר ער האָט אין אמעריקע באגליקט,
און געלט און א שיפסקארט אהיים איר געשיקט.
זי קומט מיט דער שיף מיט א קינד ביי דער האנט,
און מ׳לאָזט מיט טראכאָם ניט אריין זי אין לאנד.

האָט ער ניט געקענט שוין פאַרבלייבן נאָך „דאָרט"—
נאָר דאָ ער פאַרנעמט שוין א וויכטיקן אָרט.
א ייד איז א גאַנצע וועלט דורכגעפאָרן,
איז איצט זעליג גרינבערג נאָך קליגער געוואָרן...
מ׳רעדט פון זיין חכמה אין שטאָט גאָר א סך,
נאָר א ביסל רכילות: איז פויל ביי זיין פאַך...
סטאָליארעס דאָס זאָגן ס׳איז פאַכלייט, חברים—
ס׳איז אפשר די קנאה, וואָס גרימט אין געדערים...

די צוויי ברידער שיכמאַן, משה און אידל,
זיי גיבן אים אָפּט מאָל א קיבעץ, א זידל:
„פוילִיאַק דו, אָט זיינען מיר אויכעט סטאָליארעס,
מיט טעפּ מיט קדחת און גאָר וויניק פּאַהעס*).
אָבער פאַרטאָג, נאָך אין גרויען פרימאָרגן,
מיר הייבן שוין אָן פאַר פרנסה צו זאָרגן.
און פענצטערלעך, טירן, מיר שטעלן ארויס
פאַר פויער צו קויפן און פאַרריכטן זיין הויז.
און דו ציסט די ביינער, דו ליגסט זיך אין בעט,
און שטעלסט אוים די סחורה ווען ס׳איז שוין צו־שפּעט..."

זאָגט זעליג: „אוי, קינדער, נאַראָנים איר זייט,
איך זאָרג אי פאַר זיך, אי פאַר אנדערע לייט.
כ׳וויל נאָר זיין לייטיש, מיט יושר זיך פירן—
ס׳הייסט מיט חברים כ׳ל גיין קאָנקורירן?
אבי איר נאָר, קינדער, איר ווייסט ניט פון נויט,
איז ליב מיר א פּיסנע און דאָר שטיקל ברויט.
און דאָס וואָס איך ליג און דאָס בייכל זיך גלעט—
איז רו איך און עס ניט און שפּאָר געלט אין בעט..."
און ס׳קראַכן די סטאָליערם מיט הילכיק געלעכטער:
„אוי, זעליג—א חכמה, און בלייבסט דער גערעכטער..."

*) פּארעס—געלט.

און זעליגס אַן עצה די יידן זיי דאַרפֿן,
ביי יעדער אסיפה, זיין מוח דעם שאַרפֿן.
„דאָס זאָגט זעליג גרינבערג״—געפּעלט עס דעם עולם—
וועגן „עזרת עניים״, וועגן „ביקור חולים״.
און גייט ער פּאַר צדקה מיט א צווייטן יידן,
איז גיט מען, ווי הייליקע חובות, צופרידן;
און מ׳קוקט ניט וואָס שטאָט האָט א ביטערע צייט—
און זעליגן לויבן די אָרעמע לייט.

און יאָסל דער בעקער איז זעליגס א שוואָגער,
איז אויך ניט קיין נאַר, און א ווערטל-זאָגער:
„אז דער אַלטער משה אויפֿן טויטן-בעט קראַנק איז,
וועט העלפֿן דער „תהילים״ ווי א טויטן באַנקעס.״
ביים ברעג פֿון א ליקל, וואווינט לעבן דער שול—
און דאָס האַרץ איז אים, נעבעך, מיט אפּיקורסות פֿול.
פֿאַרטאָג לאָזט ער אָפּן פֿון בעקעריי די טיר,
און גייט זיך אין גאַס אויף א מאָרגן-שפּאַציר.

אַז ס׳קומען צונויף זיך אין שטוב „גוטע ברידער״,
זינגט עלקע, דאָס טעכטערל, יידישע לידער.
„אוי, עלקעלע וואַלדמאַן, דיין זיסקייט, דיין קול,
דו וועסט נאָך אין פּעטערבורג זינגען אמאָל.״
מיט העגט אויפֿן בוזים לאכט יאָסלס ווייב, כייקע,
מיט א נאָכגעלאָזט קאַפּטל, אין א קליידל פֿון בייקע*).
און יאנקל גיט כייקען א קניפּ און א גלעט,
און וואַרפֿט מיט געלעכטער זי אַרויף אויפֿן בעט.
און מ׳הילכט מיט געלעכטערס, ווי מ׳זעצט מיט א פּייקל—
יאָסל און זעליג און דער סטאָליער כייקל.

*) בייקע—א שטאָף אַזאַ, ווי סיטץ.

און שבת פאַרנאַכט, ווי מ׳לעבט דעמאָלט אויף!
מ׳קומט זיך צו כייקלען אין באַשקע*) צונויף.
מ׳איז יונג נאָך, מ׳זינגט, מ׳צעטאַנצט זיך צעביסלעך—
און אוי, ווי די ווייבעלעך שטעלן די פיסלעך!
מ׳טאַנצט, מ׳מאַכט קונצן, א גערדריי ווי אויף רעדער—
און בערד טראָגן כייקל און יאָסל דער בעדער.
און זעליג און יאַנקל זיי שווייגן און גלאַנצן,
און זעלטענע קונצן זיי ווייזן ביים טאַנצן.
זיי טאַנצן פאָראויס און זיי טאַנצן אויף צוריק,
און ס׳פליעסקן די פאָרלעך און שיינען פון גליק.

אין שטעטל עס שושקען זיך יידן בסוד,
רב יאַנקל פעלדעסמאַן איז דער ראָטשילד פון שטאָט.
און ס׳חלומען קינדער אמאָל זען זיין פנים,
נאָר ער ווערט אָפט פאַרלאָרן אויף ימים ושנים.
אָט פאָרט ער קיין אויסלאַנד אויף דרייסיק מעת-לעת,
אָט פאָרט ער קיין קיעוו און אָט קיין אָדעס.
נידעריק, בייכיק, מיט א שוואַרצן סורדוט,
גייט פּריציש-געלאַסן און מיט א האַרטן הוט.
„דרך-ארץ, אוי, יידן, דער גרויסער גביר!"
און נייגעריק קוקט מען פון פענצטער און טיר.

א געהילץ-סקלאַד פון הינטערן שטעטל ער האָט,
דער רייכסטער ייד אין דער גאַנצער שטאָט.
נאָר מ׳דאַרף אים באַזינגען לשם ולתהילה,
און פאַר זיין נשמה שטיל זאָגן א תפילה.
עס האָבן אין האַרצן א ליבשאַפט געכאָוועט
אונגענער צו אים און מ׳גיט אים אָפּ כבוד.

---

*) באַשקע—א קעלער־שטיבל.

א סוחר, פּארנומען, און אין שטוב אָנגעזאָגט
צו העלפן דאָ וועמען די נויט נאָר עס פּלאָגט.
און ס׳הערשט דאָ רחמנות אין שטוב ביים גביר,
א צרה—מ׳קלאפּט אין דער הינטערשטער טיר.

חולאים און אלטע און אָרעמע לייט,
זיינען דאָ אומעטום און אין איטלעכער צייט.
„לא יחדל״—דער פּלאָג איז אויך דאָ אין אונגען,
און ס׳העלפּט ניט געגוג ווער ס׳האָט און ס׳קען.
דאָ קומען צוויי ווייבער אין אָונט אריין:
„מאדאם, אוי וואָס טוט מען? ס׳איז צרות און פּיין...
ברייגע די אלמנה ליגט קראנק שוין צוויי וואָכן,
מ׳דארף איר א יאַכעלע כאַטשבי אָפּקאָכן.
אוי, גאָט ווייסט ביז ווען זי וועט קראַנק אזוי ליגן...
און געלמאן, דער פעלדשער, דארף אויך עפּעס קריגן...״

און שפּעטער קומט יאנקל בארקאן מיט זיין לייד,
מיט ווערטלעך ער הייבט שטענדיק אָן זיינע רייד:
„הערט אויס, מיין מאדאם, ס׳איז א סברה איר זענט רייך,
פּארוואלגערן זיך אפשר א פּאָר קערבלעך ביי אייך?
א פינף און צוואנציקער, א קליינע הלוואה,
ס׳האָט שייקע דער שניידער ניט אויף דער הוצאה.
ס׳פעלט אים דער מוט אזש צו גיין צו אייער טיר,
איז קומט ער צו יאנקל דעם קבצן, צו מיר.״
די מאַדאַם טוט א שמייכל, נעמט א ביטל ארויס,
און ציילט אים דעם פינף און צוואנציקער אויס.

איז ווער ס׳עסט לעקעך און ווער ס׳עסט קנאָבל,
און צווישן די גבירים איז אויך חיים-בער ראָבל.
א שטוב אויפגעבויט זיך ארויף אויפן בארג,

ס׳קריכן קבצנים, ער זאָגט, אויפן קאָרק . . .
ער שפּאַנט באַרג אַראָפּ (מיטן בויך וואָס ער טאַסקעט),
בלייבט שטיין ביי דער „בירזשע״ מיטן רעקל צעכראַסטעט:
„איר ווייסט ווער איך בין? איר קענט חיים־בער ראָבל?״
און ס׳גלאַנצט אים דאָס שמאַלציקע פּנים מיטן „שנאָבל״...
ער צינדט אַ ציגאַר אָן און גיט אַ פאַררויכער:
„איך בין דאָ דער רייכסטער תבואה־סוחר!״

זיין שיינע אשת־חיל, די צאַרטע מאַדאַם,
זי האַלט פאַרן פּיצעלע קינד זיך אַן אַם.
זי האָט נאָך אַ גוי אַ משרת, די פּריצה,
פון ווייטן זי רעדט צו אים, מיט אַ מחיצה.
„אין דער פרי, האַקסט אָן האָלץ, איז רו אַ מינוט;
ברענגסט וואַסער—רו ווידער אַ רגע, ס׳איז גוט.
דערנאָך קויף נאָר איין און אַהער־אָ עס טראָג,
און רוסט זיך אַזוי־אָ אַ גאַנצן טאָג . . .״

יאָ, וואו נאָר אַ ייד דאָ אין שטעטל איך שאַץ אים—
נאָר ס׳האָט דאָ דאָס שטעטל אויך פיינע עם־הארצים.
אַ שטילער בעל־הבית דאָ, אָן רום און אָן פּוץ,
איז זיידל באַלעגאָלע, דאָס מיינט זיידל בוץ.
ער שטייט ביים וואָקזאַל דאָ און קוקט צו די טירן,
ער פירט אַ פאַיעטאָן און ער וואַרט אויף פּאַסאַזשירן.
„וויאָ!״ און דאָס פערדל די בלאָטע נעמט קנעטן,
און פירט מיט פאַראַד דאָ די אורחים אין שטעטל.
און ס׳שלעפּט זיך דאָס פערד און ניט ווייט פון דער באַן,
איז—סטאָפּ! ס׳איז חיים־לייבס האָטעל־רעסטאָראַן.

עס האָט זיידל בוץ צו זיין טאַטן אַ טענה,
און איז די „געבילדעטע״ לייט שטאַרק מקנא.

מיט דערברייטלעכער באָרד, אין האנט האלט די בייטש,
אָט פרעגט ער ביי חיים בארקאן דאָ א טייטש:
„זאָג, וואָס איז דער חילוק צי מ׳רעדט לשון־קודש,
צי מ׳רעדט גאָר העברעאיש דאָרט איין מאָל א חודש?
בין א פראָסטער באָרמולע, דו קענסט פון מיר לאכן—
ס׳איז עפּעס א חילוק צישן די צוויי שפּראכן?״.

גייט אַן עם־הארץ ארום אויף דער ערד,
און פארנאכט ער גייט פּאָיען אין טייכל די פערד.
גייט ער פארביי מאָטיע הערמאנסקים טיר,
פרעגט מאָטיע: „נו, זיידל, וואָס הערט זיך ביי דיר?״
„כ׳בין—ענטפערט זיידל—אויף צרות, פארדאָרבן:
א פערד מיר געפגרט און מיין טאטע איז געשטאָרבן.״
און ער שפּאנט אוועק שטום מיט זיין צער אָן אַן עק
אויפן פערד און דעם טאטן וואָס זיינען אוועק...

א טייערער מענטש וואוינט ניט ווייט פון דער באַן,
ס׳איז חיים־לייב שווארצמאן פון דעם שטאָט־רעסטאָראן.
ער רעדט הילכיק־הויך, און גאָר הארציק־דערהויבן,
מיט א קליין, שיטער בערדל, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן.
אנטקעגן דעם קלויסטער, ניט ווייט פון וואָקזאל,
דאָרט שטייט זיין האָטעל מיט דער טיר אויפגעפּראלט.
פון אומעטום, ווער ס׳האָט מסחר, געשעפט—
אָט דאָ איז וואו סוחר מיט סוחר זיך טרעפט.
חדרים א סך און אַן עס־צימער גרויס,
און שיין און געמיטלעך איז דאָ אין דעם הויז.

א פיינע משפּחה, מיט גוטסקייט אין הארצן.
א נדבה? א טובה? איז דאָ חיים־לייב שווארצמאן.
איז רוישן די געסט, מ׳איז מיט מסחר פארנומען,

און ס'איז ליב, אין א היימישן אָרט מ'איז געקומען.
נאָר פון דעם האָטעל די נשמה, דאָס לייב,
איז ניט ר' חיים-לייב, נאָר ס'איז גיטל, זיין ווייב.

האָט א לעבעדיק קול, איז א הויכע, א גראָבע,
איר טראָט הילכט אזש אָפּ, קיין עין-הרע אן אָסאָבע.
צעשמייכלטע אויגן און קלוג ווי דער טאָג,
ביי איר איז געוואויגן יעדעס וואָרט, יעדער זאָג.
עס האלטן זיך ווייבער אן עצה מיט איר,
און אָפן איז שטענדיק פאר מענטשן די טיר.
איין זון זייערער, מאניע, א הויכער, א גיבור,
איז אוועק קיין אמעריקע, די גרעניץ אריבער.

שפּעטער איז מאניע געקומען צוריק
אויף טאטע און מאמע צו כאפּן א בליק.
איז שטאָט נאָכגעגאנגען, און יעדער באזונדער:
„ווי געפעלט אייך דער ריז, פון אמעריקע דער וואונדער?"
און עלטערן פירן אים מיט אויגן פארטערערט,
דעם ליבן זון זען איז זיי ווידער באשערט.
און צווישן די יינגלעך גייט יאָסל, דער ברודער,
און פילט זיך דערהויבן פון גרויסן געדרודער...

און מאכליע אווערבאך, א קורצע און רונד,
א פּעטע, זי וועגט ארום צוויי הונדערט פונט.
א גבירטע, זי איז משה כאנזשים א מומע,
די שיינע, די איידעלע, זיסע נשמה.
זי איז אן אלמנה, דער זון פירט א „הויף",
ער האָט ביי „קאָזניא" דאָ די „פּאָטשט" אָפּגעקויפט.
אין שטעטלעך און דערפלעך ארומיקע פירן
„געלערנטע" פערדלעך די רייכע פאסאזשירן.

זאָגט מאכליע אין גאס צו די אָרעמע לייט:
„איר ווילט א הלוואה אויף א שטיקעלע צייט?"
אז ס'פליען חדשים און מ'גיט איר ניט אָפּ,
איז מילא: „זיי האָבן גענאשט פון גאָטס גאָב"...

און דאָ קומט א ייד, וואָס הייסט יאנקל קאָפּזאק,
וואָס האָט א קליין קרעמל, גאָר פול אָנגעפּאקט.
אמאָל מיט א שטעקן האָט געשלעפּט זיך אהין
מיין זיידע צו קויפן א פלאש קעראָסין.
נאָר יאנקל, ער טויג ניט...די קראָם איז א פיינע,
נאָר דער אמתער סוחר איז זיין קלוגע ווייב, ברײַנע.
א פּעטע, זי דרייט זיך ארום ווי א קאטשקע,
א „דורכגעטריבענע", א ברען, א קאָזאטשקע:
„ווי רעכנסטו, יאנקל?, און גיט באלד זיין לוין אים:
„דו טויגסט ניט, דו האָסט ניט קיין שכל צו קונים!..."

און אָט איז דאָ חיימקע דער שוסטער, דער פרומער,
ער האָט א בלינד אויג, און איז שטענדיק פאראומערט.
א קלײנינקער יידל, נאָך קלענער—זיין פריידע,
און ס'פעלט שלום-בית צווישן זיי ביידע.
ס'האָט עמיץ געעפנט גאָר פלוצים זיין טיר—
זי יאָמערט, און ער—מיט א שטעקן אויף איר.
דאָס ווייבל האָט קינדער אים פערצן געבאָרן,
א ווײַלע געכאָוועט און נאָך דעם פארלאָרן.
ס'האָט זיך ביי חיימקען קיין קינד ניט געהאלטן,
א חודש, צי צוויי, און מ'האָט עס באהאלטן...

אָט קומט גאָדל בעקער, ער שפּאנט שוין מיט מי,
זיין שמאָלע באָרד שפּארט שוין אָן באלד ביי די קני,
אַן אלטיטשקער, רעדט מיט א קוויטש, איז געבויגן,

און קלאָגט זיך: „וואו זיינען די יאָרן פארפלויגן?"
אָט רופט ער אין גאס מיט א שטימע פון קלאָגן:
„חיים, קום אהער, כ'וויל עפּעס דיר זאָגן!"
דער יינגל לויפט־צו, דאָ זאָגט גאָדל: „הער, בחור:
היום—חיים, ומחר—באחור..."*)
און הייבט אויף די הויזן א ביסעלע העכער,
און שלעפּט זיך אוועק מיט א קוויטשיק געלעכטער.

און שמואל און משה, צוויי לייבלעכע ברידער,
מ'קושט זיך, מ'קריגט זיך—אָט קושט מען זיך ווידער.
באלעגאָלעס—זיי דרייען זיך שטענדיק די מוחות
א „לאָדעכץ" צו קריגן פאר די אייזערנע כוחות.
קאטיוגעס מיט סחורה, מ'שלעפּט אלץ דעם יאָך,
און מ'טראָגט אלץ די משאס א גאנצע וואָך.
נאָר שבת, גאנץ פרי שוין, דערהערט זיך א רוישן,
מ'לויפט...ס'שלאָגן זיך שמואל מיט משהן...
א שטורעם דאָרט האָט זיך צעבושעט, א בורע,
מ'הרגעט, מ'שלאָגט זיך מיט ווילדער גבורה.

און שפּעטער קומט שמואל אין שול גאָר צו גיין,
א שטילער באלעבאָס דאָ און אויסגעפּוצט שיין.
ער האָט זיך זיין „שטאָט" דאָ ניט ווייט פון דעם עמוד,
און דאוונט מיט פרומקייט און הארציקייט תמיד.
„אוי, טראכט ער, ער האָט זיך אום שבת געשלאָגן,
ס'אַ חטא וואָס איז פשוט ניט איבערצוטראָגן!"
און ברומט הויך די תפילות מיט הארץ און נשמה,
און זינגט און טוט תשובה און זוכט א נחמה...

און אָט, יוסף פרידמאן מיט די לאנגע הענט,
האָט וויסן, איז באליימט, איז אן אינטעליגענט.

*) היום חיים ומחר באחור"—הייסט לעבט מען, און מארגן—ערגעץ אַנדערש...

הויך, הויט און ביינער, ס׳איז צו ברייט דאָס רעקל,
א יחוס—א בחור, ער שפאנט מיט א שטעקל.
א בוכהאלטער איז ער און א העברעאיסט,
ווי אשר זיין ברודער, א הייסער ציוניסט.
מיט אן אויג נאָר א פינטל, א פיר מיט א האנט,
און אָט איז א מענטש... איז א מאָלער א טאלאנט.

די שטאָט האָט אויך מענטשן—ביים הארצן זיי רירן:
אָט פאָרט זיך א ייד קיין אָדעס זיך קורירן
דעם האלדז, אינעם לעמאַן, אין ים, וואו ער קען—
און הייזעריק קומט ער צוריק קיין אונגען.
דער הייזעריקער חיים איז אזוי שוין געבליבן,
קיין ווערט וואָס א דאָקטאָר האָט עפּעס פארשריבן.
פארקויפט ער זיין פרוכט לעבן מעכל אפטייקער,
און קלאָגט אין זיין בודקע אויפן עולם השקר.
ער האָט נאָר איין זיסע, איין־איינציקע טרייסט:
זיין זון קלמן קליינמאן די גאנצע וועלט ווייסט...

אָ, וויפל דאָס יונגוואַרג באמיט זיך פאר ציון,
נאָר וויפל מ׳טוט וויל מען מער זיך באמיען.
עס דארפן די צעירי ציון א פירער,
איז ווערט קלמן קליינמאן דער „ראש", דער „קאָפּ" אירער.
א מויל—אז ס׳שטראָמען און קוויקן דיך קוואלן,
די רייד זיינע טרייסטן, און נביאיש זיי שאלן:
„ס׳האָט הערצל געלערנט: אוים גלות! אוים קנעכט!
מיר קריגן וואָס ס׳קומט אונדז, און נעמען מיט רעכט!..."
דער פרוכטמאן די רעדע ער הערט פון זיין זון:
„אוי, יידן, איך וויים ניט פון גליק וואָס צו טאָן!..."

צי מעג מען ווען מ׳רעדט פון דער יידישער אומה
אריינמישן פאלשקייט און מיאוסקייט און טומאה?
א פריסטאוו געווען אין אונגען, אן אוריאדניק,
ארומגעשפאנט אויך דאָ און דאָרטן א סטראזשניק,
מיט שנאה און רישעות אין איטלעכן טראָט.
נאָר ס׳האָבן דאָך יידן אין הימל א גאָט...
ס׳האָט פאָליציי נאָר געפרעסן, געזויפט,
צום ביטערן טראָפּן געווען פארקויפט.
עס האָט זיי צו שיכרות און טומאה געצויגן,
און מ׳האָט די פארמעגנס ביי יידן געזויגן...

איז איינער א אוריאדניק אזוי זיך געקומען
אין א קראָם, זיך אליין פאפיראָסן גענומען.
און דאָ—אזא מוט ס׳האָט דער קרעמער באקומען!—
„מיר קומט פארן פעקל וואָס דו האָסט גענומען”...
צעלאכט זיך דער רשע: „אָ, מאָשקע, דו נאר,
דו גייסט קיין סיביר, האָסט געשאָלטן דעם צאַר!”
און גייט צו חיים-לייבן און זשליאָקעט דאָרט וויין,
און דערציילט דאָרט דעם „פלאן”, וואָס איז אין הארצן
אריין.
און ס׳האָט גיטל געוויינט ווי פארן מעכטיקן צאר,
און קוים אָפּגעשריגן דעם בייזן גזר.

ס׳גלוסט זיך נאָך שרייבן מיט דער אָרעמער פען,
ווייל קינדער א סך האָט דאָס שטעטל אונגען.
יאָ, וואָס ווייסט דער מענטש פונעם מאָרגן זיין דאָליע?
נאָר ס׳חלומען קינדער צו שפילן א ראָליע.
ס׳חלומען קינדער צו שאפן, געניסן
אויף פעלדער פון שיינקייט און חכמה און וויסן.
דערווייל איז קיין יאָך ניט, קיין חובות, מ׳איז פריי,

און מ׳לערנט די תורה ביי די רבים, די דריי.
איז לאָמיר זיי לאָזן דאָרט פריי און אָן זאָרגן,
און ווינטשן זיי אלע א זוניקן מאָרגן.

און הינטער דער שטאָט בליען פעלדער דאָ שיינע,
און ס׳שטומט א בית־עולם צווישן די ביימער.
ס׳קומט דאָ אין שטאָט אויך דער מלאך־המות,
און מ׳ווײנט אויך, מ׳יאָמערט אויף קברים פון אבות.
עס לעבט אויך דער עבר...מ׳מאָלט זיך אוים בולט
ווי שפּאניע האָט געטריבן און כמעלניצקי געקוילעט.
מיט אלע רדיפות...אוי, דער שונא, דער שטן!
גערודפט, געהרגעט, געברענט און געבראָטן . . .

נאָר ס׳שפּאנט אום דער ייד אויף די בלוטיקע שטויבן,
און שפּאָט פון דעם שונא און פילט זיך געהויבן.
ער גייט אויף זיין וועג זיך און זינגט זיך א „הלל״,
און איז פארן שלום פון וועלט נאָך מתפּלל.
אָן אויסנאם איז אויך ניט דאָס שטעטל אונגען,
מ׳ארבעט, מ׳האָט שמחות, מ׳לעבט ווי מ׳קען.
מ׳דאנקט גאָט פון הארצן פאר א טראָפּן חיי־שעה,
און מ׳ווינטשט זיך מיט בענקשאפט: „לשנה הבאה״...

## יט

# אַ רב

וואו איז נאָך דאָ אזא ליכט, אזא זוניקע שיין,
ווי ס׳שלאָגט פון דער תורה ווען דו קוקסט דאָרטן טיפער אריין.
ציען זיך טעג דאָ און יאָרן, מ׳שמייעט אָן סוף,
און מ׳האָט ניט דערגרייכט די מדרגה צו האָבן א רב.
באשליסט די אונגערער קהילה אויף אן אסיפה,
די שטאָט דארף א רב, וואָס זאָל פסקענען כשר און טריפה.
ר׳ שלמה דער שוחט ביז איצט האָט געפסקנט א שאלה,
זאָל א רב שוין משגיח זיין איצט אויף די זאכן די אלע...

קומען רבנים אין שטעטל פון וויטן אין לאנד:
אָט איז א קליינינקער רב א בעל-דרשן—בריליאנט;
אָט איז א הויכער, מיט ביינער, אויף פלייצעס דעם טלית,
און ווארפט שטיקער „טורים", א בקי אין פסקענען שאלות:
אָט שטייט א רבל א יונגער צעמישט אויף דער בימה,
און רעדט אלץ פון נסים, אגדתות, „תולה ארץ על בלימה":
אָט איז א רב וואָס ער שרייט, ווי ער וויל נאָר זיך קריגן,
און זינגט אוים זיין דרשה מיט וויי, מיט א קלעגלעכן ניגון;
און אָט איז א רבל, וואָס דרייט זיך און ווארפט מיט מדרשים,
און קוקט צו די פענצטערלעך אויבן, צו די ווייבער, די נשים...

און דאָ קומט אין שטעטל אריין, אין פארנאכטיקע שעהן,
א יונגינקער ייד פון ניט וויט דאָ, א מורה הוראה.
א דארער, רעדט שטיל און באדאכט און גלעט זיך דעם שטערן,
און מ׳זעט באלד אין שמייכל, אין קלוגן, א „שידוך" וועט ווערן.
ער וואוינט לעבן בעלדז, מארקולעשט, א סופר דער פאָטער,
האָט א ווייב, זיצט א פאָר יאָר אויף קעסט, און סמיכה שוין האָט ער.

איז קומט מען דערהויבענע שבת פארנאכטלעך אין שול,
מ׳שטופט זיך, געפּאַקט איז די שול, מיט יונג און אלט פול.
דער רב מיטן טלית אויף פּלייצעס, א גלעט אויפן שטערן—
און ס׳פליסט דברי תורה און חכמה א נחת צו הערן.

און קהל מאכט באלד אן אסיפה וועגן רב דעם אנטיק,
און דער רב איז געפעלן גאנץ קהל אין איין אויגנבליק.
נעמען די ראשי הקהילה באלד רעדן פון תוך,
און מ׳גיט דעם רב פישמאן שוין פופצן קערבלעך א וואָך.
שמייכלט דער יונגינקער רב און ער קרייזלט א פאה:
„מסתם איז געגנוג . . . ער ווייסט ניט קיין צורת מטבע . . .״
און שטיל זאָגט דער רב אין זיין הארצן א לויב און א תפילה,
און ס׳האָט שוין מיט מזל א רב די אונגענער קהילה.

דער רב פאָרט אהיים מיט א בשורה אין די ליכטיקע אויגן,
געדויערט א חודש און מ׳האָט זיך שוין איבערגעצויגן.
האָט ער א רחבותדיק הויז און דאָס מעבל איז אָרעם,
נאָר קאסטנס און קאסטנס אָן שיעור מיט הייליקע ספרים.
א חדר צום שלאָפן, א קיך—און דאָס צימער פון פאָרנט
ווערט באלד שוין פארזייט מיט ספרים, ווי א פעלד פול מיט קאָרן.
הויך איז די סטעליע, ביי ווענט האָט מען ראָפטן*) געמאכט,
און עס לייגט אוים דער רב די ספרים דאָ פרום און באדאכט.

ס׳האָט שוין דער רב זיך באזעצט אין אונגען, דאנקען גאָט,
און אין דער „אלטער שול״ דאָרט געקראָגן א „שטאָט״.
אין ווינקל דאָ ביים ארון קודש, מיטן סידור אין האנט,
איבערן קאָפּ מיטן טלית, דאָס פנים צום וואנט,
ער שאָקלט זיך, דאוונט מיט ערנסט און פרומקייט ווי קיינער,
און דורכן טלית עס שטארצן פון פלייצע די ביינער.

*) ראפטן—פאליצעס.

ביים „לייענען", ער זעצט זיך, דעם טלית אויף אקסלען אראָפּ,
מיטן שטראַליקן פּנים צום עולם, ער רוט זיך איצט אָפּ.

דער רב נעמט ארוים פונעם שטענדער א חומש א גרויסן,
ער לערנט ניט איצט, נאָר נאָכקוקן איז ער דאָ אויסן.
און טאָמער אמאָל דער בעל־קורא האָט עפּעם א טעות,
דערהערט זיך זיין קול, און געמישט מיט א ביסל פאַרדראָס.
ער רעדט ניט קיין דברים בטלים, ער פאַרריכט נאָר דאָס וואָרט,
און דער בעל־קורא זאָגט איבער דאָס באלד אויפן אָרט.
ווי מעג מען פאַרקרימען א וואָרט גאָר, אן אות פון דער תורה,
אז ס'איז יעדער אָרט דאָ פאַרצייכנט מיט קדושה און מורא?...

און איין מאָל א „רבי" געווען איז אין שטעטל צו גאסט,
ס'האָט פון „רביים" דער רב דאָ א ביסל געשפּאַסט...
דער אלטער ר' יחיאליקל בעלזער, זאָל לעבן, אליין,
אין שול איז מיט זיינע חסידים געקומען צוגיין.
האָט מען אין „מזרח" געזעצט אים לכבוד התורה,
נאָך דעם מכבד געווען צו זיין דער בעל־קורא.

לייענט ער, ר' יחיאליקל, איז מדקדק אויף איטלעכן אות,
און דאָ—זיך פאַרטשעפּעט און פאַלט גאָר אריין אין א טעות.
דערהערט זיך פון רב אויפן חומש א „באשיידענער" זעץ—
און דער „רבי" זאָגט איבער דעם פּסוק און אנטלויפט פון דער נעץ...
נאָר שפּעטער איז מסביר דער רב שוין דעם שיינעם בעל־קורא:
דער כבוד פון רב איז פיל קלענער פון כבוד התורה...

פאַר מוסף, דער רב גייט ארויף אויף די טרעפּ פון דער בימה,
ווערן די יידן פאַרשוויגן צו הערן זיין שטימע.
ער גיט זיך א גלעט נאָך דעם שטערן און ס'שיינט־אויף זיין פּנים,
ער קוקט אויף דער עדה, ניט געזען זיי שוין ימים ושנים...

און פּלוצים: „רבותי!" און ס'גיבן א פינקל די אויגן,
א רגע—און דער עולם איז טיף שוין ארייגעצויגן.
הייליק און טיף איז די שטילקייט, ס'פאלט אזש א מורא,
ווי די הייליקע שטילקייט פון ערב קבלת התורה...

„וחי אחיך עמך"—א ייד איז א ברודער,
און דער רב אין אונגעזן שאפט אַן „אחווה", און שטיל, אָן געררודער.
האָט צונויפגערופן אין שטוב ארום צוואנציק באלעבאטים,
און אריינגעהויכט האָט אין זיי דאָרט זיין גייסטיקן אָטעם.
געטובלט אין שיינקייט און ריינקייט ביז סאמע צום גרונט,
האָט ער זיי פאראייניקט, פארבונדן אין א הייליקן בונד:
„לעבט, יידן, דערהויבן דאָס לעבן, וואָס אייך איז באשערט,
און לערנט די תורה און שאצט אייער אייגענע ווערט!"

און יידעלעך ליבע, וואָס לעבן אין אייביקן שרעק,
און יידן ווי וועלוול און יאנקל, וואָס האנדלען מיט זעק;
און ר' אשר פרידמאַן, וואָס האנדלט מיט מאנופאקטור,
און מאָטיע דער משכיל, וואָס כאפט אויך א קוק אינעם „טור";
און אנדערע...שעפּן מיט עמערס פון קוואלן פון ריינע,
און גיבן אויך איבער צו קינדער די אוצרות, די שיינע.
זוכט מען פאר קינדער א לערער פון העכערן ראנג,
קומט אָן אין שטעטל דער יונגינקער ש. ל. בלאנק.

אין הארץ פון דער „אחווה" פארוואָרצלט איז ארץ ישראל,
ווילן זיי לערנען די קינדער די שפּראך פון אמאָל.
עס ענדיקט דאָך תמיד דער רב זיינע דרשות, די שיינע,
מיטן אלטן און אויסגעווויינטן „ותחזינה עינינו"...
און באלד האָט דער רב שוין, אזוי אויך פון „אחווה" די מענער,
געזען אז דער יונגינקער בלאנק איז א העברעאישער קענער.
ער רעדט לשון-קודש פּאָעטיש, מחיה צו הערן,
און האָט אויך „כתבים", וועט אפשר א שרייבער נאָך ווערן.

ער לערנט די קינדער מיט נחת, זיין אייגענעם וועג,
און זיין ליבע צום לאנד פון די אבות איז גאָר אָן א ברעג.

אָ, וואָס איז דער מענטש אויף דער ערד? נאָר עפר ואפר,
איז שטענדיק נאָר זיצט ער דער רב און קוקט אין א ספר.
יאָ, דאָ איז די וועלט אָנגעזאָפּט מיט זיסקייט, מיט תענוג—
און ווערט ער פארמאטערט, ער גייט זיך ארוים אויפן גאניק.
דאָ אויפן גאניק (די שטוב פון ר׳ שלומקע בריל),
ער שפּאנט מיט די טרוימען פּאמעלעך און איידל און שטיל.
די האנט רייבט דעם שטערן, ער שפּאנט זיך אהער און אהין,
מיטן לאנגען ראָק אויפן גוף און דער קאָלנער איז גרין.
אין אָוונט ערשט קומט ער צוריק צו דער זינדיקער ערד,
און יידן זיי ברענגען אים נייעס און ער הערט און באקלערט.

דרשנט ער שבת אין שול און ער האלט גאָרניט איין,
ער נעמט אלץ פונאנדער און וויקלט אין תורה דאָס איין.
עס איז ערב פּסח, אין שטעטל איז עפּעס דאָרט שפּל,
מ׳טיילט ניט די אָרעמע יידעלעך נאָך קיין קארטאָפל.
דרשנט ער וועגן גבירים, און רעדט אלץ מיט חכמה און רמז,
און מוסרט און שמייסט זיי מיט בייטשען למען האמת.
און מ׳זעט איצט די שיינע גבירים אין דער מזרח־וואנט,
די פּנימער מיניען זיך, רויטלען זיך, נעבעך, פון שאנד...

און איין מאָל, ווי עפּעס מיט הייליקן ליכט פון דער שכינה,
נאָר מיט א טרויער אין טאָן, ווי מ׳וויינט פון א תחינה,
ער האָט אויף א פרוי זיך צעצאָרנט מיט פייער, און הויך:
אין קעשינעוו האָט זי געפּטרט דאָס קינד אין איר בויך...
„שופך דם האדם באדם, אוי, דמו ישפך"—
„באדם", דאָס מיינט ניט נאָר „דורך דעם מענטשן", אזוי לערן איך;
א „ולד" איז א מענטש...דערהרגעט מיט מיטלען, מיט זיסע,
איז די פרוי א רוצח, און איז לויטן דין חיב מיתה..."

און ס׳גליוועטט גאַנץ עדה, מ׳גיט קוים אַן אָטעם א פרייען,
און דער רב ווישט דעם שטערן, און הייבט אָן אַן ענין א נייעם.

און זומער—ס׳זאָגן באַלעבאַטים אַז דאָס איז דאָס שענסטע—
שטייען דאָ אויך סאָציאַליסטן ביי אָפענע פענצטער.
זיי שעפּן און שלינגען זיין חכמה, זיי שלינגען און קלערן:
עס וועט ניט פארפירן זיין קערן, זיי וועלן זיך ווערן.
און ס׳רעדט דער בעל־דרשן איצט פון די צדיקים, רשעים,
און טייטשט אויס א סוגיא א האַרבע פון אַלטע תנאים.
און רעדט וועגן יושר, און מוסרט דעם נגיד, דעם וויסטן,
און ס׳שמייכלען און שמעלצן פון נחת זיך די סאָציאַליסטן.

און ניט נאָר ביי יידן דער רב אַזאַ אָרט ער פארנעמט,
נאָר אויך ביי אַרומיקע גויים זיין נאָמען עס שמט.
אין נאָענטן דאָרף האָט א גוי א בעל־גוף, האָספּאָדאַר,
באַליידיקט דעם „הויכן״ שליח פון ישו דעם האַר.
נו, האָט דער גלח גענומען דעם מיוחס, דעם רייכן,
צום „ראַבינאַ״ פישמאַן, אַז ער זאָל זיי ביידע אויסגלייכן.
זיצט יחיאל ניימאַן, זעצט איבער פון רוסיש דעם ענין,
דער רב הערט די טענות און שטעלט־אויף פון משפט דעם בנין.
און ס׳קוקן די פּנימער שטאַרצע, מיט נעפּל באַצויגן,
נאָר גרויס איז די חכמה... און ס׳שטראַלן־אויף דאַנקבאַרע אויגן.

ס׳וואַקסן אויך קינדער אין שטעטל, דער עתיד, דער מאָרגן.
זיי דאַרפן א גוטן משגיח, וואָס זאָל פאַר זיי זאָרגן.
קומט ער, דער רב, אין דער פרי אין א חדר צו גיין:
„בחור, פארטייטש נאָר דעם פסוק פון חומש מיר שיין.״
דערהערט ער אין „זאָגן״ צי דאָס בחורל תורה באַגערט,
דערנאָך, האָט די אַנדערע יינגלעך אין לערנען פארהערט.
און קינדער, א שמייכל א ליבן זיי האָבן געקראָגן,
און מילד איז דער רבי זיי בודק צ י ציצות זיי טראָגן.

און דער רב פון א בייטעלע נעמט „גאָלדענע" קאָפּיקעס טיילן,
און די קינדערשע שמחה איז גאָרניט צום איבערדערציילן...

אמאָל איז געקומען פון קעשינעוו אַן עלטערער רב,
דער גרויסער רב צירעלסאָן...גיט מען אים כבוד אָן סוף,
א גדול, אזא הדרת פּנים, איז וואו וועט ער זיין?
שטייט ער, פארשטייט זיך, ביים יינגערן חבר דאָ איין.
אויף מאָרגן, נאָך שחרית, דאָ הייבט אָן דער אורח, איש תמים,
צו רעדן צום יונגען פון תורה און דברי חכמים.

מ'רעדט פון האי עלמא, די וועלט מיט דער קליינלעכער גאווה,
ווי ס'ברענגט אום דעם מענטשן דער כבוד, די קנאה, די תאווה.
מ'רעדט פון „זכאה איהו מאן דאזעיר גרמיה"...געניער:
„וואויל איז דעם מענטשן, וואָס האלט זיך קליין", זאָגט דער זוהר.
ווען מענטש מיט מענטש איז נאָר גלייך און מ'לעבט זיך ווי ברידער,
קען ניט זינקען דער מענטש אזוי טיף אין דעם זומפּ, אין דער נידער...

און דאָ קוקט דער קעשינעווער רב מיט די שאַרפע אויגן
צו די ספרים, וואָס שיינען קאָלירן ווי א רעגנבויגן.
אָט הייבט ער זיך אויף און נעמט ביי די ראָפטן זיך פאָרן,
און ווערט שוין באהויכט מיטן גייסט פון די הייליקע ספרים.
ער קוקט אין א ספר, האָט באלד זיך דאָרט איינגעגעסן,
און ער האָט שוין די וועלט, גאנץ עולם ומלואו פארגעסן.
ער מישט, איז מעיין, און אלע מאָל קנייטשט ער דעם שטערן:
„אך, וויפל וואונדער!...ס'איז ממש נתפעל צו ווערן!..."

און דאָ איז, הפּנים, אים שווערער געוואָרן דאָס „שלינגען":
„רב—ער ווייזט מיט א פינגער—איר געדענקט אָט דעם ענין?"
קוקט שוין דער יונגער אין ספר און נעמט אזוי ריידן:
„רב, כ'בין ניט קיין בעל-גאווה, א ביסל באשיידן—

נאָר פון וואָסער א ספר איר זאָגט מיר א פסוק בערך,
וועל איך שוין, בעזרת השם, גיין ווייטער מיין דרך.״
און ס׳שטאַרט אויס דער עלטערער רב פאַרחידושטע אויגן:
„א גאון דעלמא״—ער זאָגט, מיט זיין קאָפּ געבויגן.

און אָפּט דאָ עס רוישט זיך, ווי ס׳וואָלט זיך געטראָפן א נס,
דער יונגער רב פאָרט אוועק אזש ביז קיין אָדעס.
שטיל ער פאַרלאָזט דאָ, ער זאָגט ניט דעם עולם אפילו,
נאָר ס׳וויסן א פּאָר, און זיי זאָגן א האַרציקע תפילה.
צו א „מזרחי״-אסיפה ער פאָרט זיך באַמיען,
מיט עצות, תחבולות, צו בויען די אַלטע היים, ציון.
פאַראַן דאָ א ריזיקע אַרבעט, און צו-גרוים דער עול איז,
נאָר ס׳מוזן די יידן באַלד אויסגעלייזט ווערן פון גלות...

און איין מאָל—דער שרייבער וועט אייביק געדענקען די פרייד—
דער רב האָט אויף עטלעכע טעג מיט דער שטאָט זיך געשיידט.
נאָר פריער האָט ער, אויף אַן אָרעמער שמחה ביים יינגל,
געהערט די בר-מצוה דרשה פון קינדערשן צינגל.
ער פאָרט קיין אָדעס, קומט צוריק פון אסיפת חכמים,
און מ׳גיט אים דאָ אויפן וואָקזאַל א קבלת-פּנים.
און דאָ-אָ דערלאַנגט ער דעם בחורלס טאַטע א מתנה,
פאַרן זון: „כל אגדות ישראל״ און „מגבורי האומה״...

ס׳האָט דער גאון ניין יאָר געוואוינט אין דעם שטעטל אונגען,
און הערלעך און טייער עס זיינען די טעג אלץ געווען.
געוועבט האָט דאָס שטעטל חלומות, געקהלט זיך, געלערנט—
געווען רייך דער הימל ביי טאָג, און די נעכט אויסגעשטערנט...
נאָר ציון, די יידישע היים, האָט דעם גאון געצויגן—
ווי יהודה הלוי ער וואָלט אויף די פליגלען געפלויגן!
האָט קהל באַגלייט אים מיט ברכות אין א טאָג, אין א שיינעם:
„צום לעבן! . . . און זאָל קומען די גאולה במהרה בימינו!״

כ

# דער טייך

הינטערן שטעטל עס ציט זיך אויף עטלעכע ווערסטן אַ טייך,
איז ער מיט קאַרפּן און קאַרעס און פּלאַטיק און קאַסטרישן רייך.
שטייט דאָ אַ שטיבל, חדרים נאָר צוויי, מיט אַ הילצערנער קאַמער,
אין דרויסן מ׳הערט דעם באַלעבאָס, ער שפּאַנט אום מיט טשוועקעס
און האַמער.
און ס׳שטייען צוויי פערד אין אַ שטאַל, אַ ביסעלע ווייטער פון שטוב,
און ס׳ליגט דאָ אַ קעלער מיט אייז, מיט אַ דעכעלע איבערן גרוב.
און אַט ליגט אַ ריזיקע נעץ, אַ ברייט־אויסגעשפּרייטע אויף דריקלער,
און ס׳שלעפּט זיך דער טייך־באַלעבאָס און פאַרריכט די צעריסענע
שטיקלעך.

און העט־העט אַרום ליגן פעלדער צעגרינטע, צעבליטע אין פּראַכט,
און ס׳בלאָזן דאָ ווינטעלעך קילע פון בערג ביי טאָג און ביי נאַכט,
און ס׳קוויקט זיך דער מענטש מיטן אָפּענעם לייב צעכראַסטעט און פריי,
און ס׳איז איין באַגינען פון צווייטן אַלץ זאַפטיקער, פרישער און ניי.
אַט גיט זיך דער קאָרן אַ בייג אויפן באַרג פון אַ ווינט אין געלויף,
און ס׳יאָגט זיך דאָס ווינטל אַרונטער, און גלייך אויפן טייך דאָ אַרויף.
ס׳בלעזלען זיך כוואַליעכלעך ווייכע און שטילע, ווי קינדערלעך פרום,
און ס׳שטעקן אַרויס זייערע קעפּלעך די פיש אויף די פלאַכן אַרום.

און ס׳שמעקן אויף ביימער די קערנער און זאַפטן פון פרוכטן, פון רייפע,
פון תבואות און גרינסן, און פיש אין דעם טייך איז פאַראַן דאָ אַ שפע.
און הויך איז דער קאָרן און גערשטן און ווייצן, מיט זאַנגען מיט פולע,
און ס׳זינגט דאָ דער טראַט פונעם מענטשן מיט זאַטקייט, מיט דאַנק
און גדולה.

אונ הויך אויפן באַרג דעם צעגרינטן מ'האָט געפּלאַנצט און געזייט
אונ געאַקערט.
און ס'הילכן די פעלדער ארום, און עס קאָכט דאָרט די ארבעט
און פלאַקערט.
עס האָבן ערשט פריער די קינדער אין קאָרן אין הויכן זיך באהאלטן,
איצט האָט מען שוין גארבן געבונדן, זיי שטייען ווי ליבע געשטאלטן.

דאָ ביי דעם טייך אויפן ברעג שטייט א טראַשטש אזא הויכער,
געדיכטער,
און ס'פייפן און ס'בייגן זיך שטעקנס דאָ הוילע ווען ס'לויפט אָן א ווייכער,
און טיפער אין וואסער אריינגעשטעלט האָט מען א קויש דאָרט א הויכן,
דאָ נעכטיקן איבער די פיש, די געכאַפּטע, וואָס מ'דאַרף ערשט פאַרקויפן.
דער גוי, קאַפּריאַן, האלט דעם פרוכטבארן טייך דאָ א שאָק שוין
מיט יאָרן,
און ס'קומען דאָ דאַנערשטיק יידן פון ארומיקע שטעטלעך צו פאָרן.
און דאַנערשטיק ציט מען דעם נעוואָד*) און ס'שלעפן אים רוישיק
די פויערן,
און ס'רינגלען די אָרעמע פישער דעם נעוואָד ארום און זיי הויערן...

אז גאָט האָט די ברכה געגעבן, איז ציט מען ארויס פון דעם טייך
די פיש אין די צענדליקער פודן, און מ'ווארפט אין די קוישן זיי גלייך.
אראָפּ פונעם שטיבל, דאָרט אונטערן בערגל, ביים ברעג אויף דער ערד,
אויף א וואָג דאָרט מ'וועגט דאָס פארמעגן, וואָס גאָט האָט פון טייך
היינט באשערט.
דער קארפּ, אויך דער קאַרעס—באזונדער, זיי זיינען דער יחוס פון טייך;
באזונדער דער קאַסטריש און פלאָטיק, זיי זיינען אין מקח ניט גלייך.
און דער טילינעשטער, דער „רויטער", ער טרינקט שוין „לחיים"
פון פלאַש,

*) נעוואָד—אַ גרויסע נעץ, וואָס מ'פאַרוואַרפט איבער אַ שטיק טייך.

און ס׳העלפט אים ר׳ מענדל קארנעשטער, און ס׳העלפן פערליץ, קאלאראש.

עס וועגט דאַ די פיש אן אונגענער, דער פּרוכטמאן ר׳ יאנקל בארקאן,
ער רעכנט זיך אָפּ מיט די סוחרים, פון אים קריגט דאָס געלט קאָפּריאן.
ר׳יאנקל געשלאָסן א בונד האָט, געשטעלט האָט מען בראָנפן מיט לעקעך,
אז פיש וואָס מ׳שלעפּט ארויס, אלע, ער קריגט פאר א קלענערן מקח.
קארפּן א פּוד איז זעקס קערבלעך, קאָרעסן—דריי, אמאָל מער;
און יאנקל באַרייסט ניט, איז צאָלט מען אים וויפל זיין הארץ נאָר באגערט.
איז יאנקל א שטיק באלעבאָס דאָ, מ׳רעדט צו אים ליבלעך און זיס,
און יאנקלס זון, חיים, איז אויך דאָ, און פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס.

מ׳לייגט אריין אייז אין די וועגלעך, פארהיטן די פיש פון דער היץ,
מ׳דעקט גוט ארום מיט געוואנטן, און מ׳שפּרינגט גלייך ארויף אויפן זיץ.
„גאָספּאָדין קאָפּריאן, דאָסווידאניא!״ „העי, יאנקל, א גליקלעכן טאָג!״
„פאָרט געזונט, האָט א פריילעכן שליטוועגס!״—גיט יאנקל צעשמייכלט א זאָג.
„וויאָ!״, און די פערדלעך אנטלויפן, און ס׳בלייבן צוויי פישער אליין:
דער גוי מיט זיין ערדיש פארמעגן, און דער ייד מיט זיין אָרעם געביין.
און ס׳הילכן פון וויטן די עכאָס, עס פאָרן די פישער אין פעלד,
און מ׳שרייט דאָרט פון וועגל צו וועגל, און מ׳זינגט און מ׳לאכט און מ׳קוועלט.

און יינגלעך עס קומען פון שטעטל און מ׳פאָרט אויף א לאָדקע*) ארום,
און שטיל איז דער טייך און איז גלאטיק, און ס׳גליטשט דאָס שיפל זיך פרום.
מ׳דארף ניט קיין וועסלעס, א שטעקן מ׳שטעקט נאָר אין גרונט דאָ אריין,
א שטופּ—און ס׳גליטשט זיך די לאָדקע מיט יינגלעך אין זוניקער שיין.

*) לאָדקע—א קליין שיפל.

און טיף איז די שטילקייט פון סביבה, ס׳גרילצט אזש דער זשום
פון דער בין,
דער הויכער בארג ציט פון אנטקעגן און מ׳שיפלט דאָס שיפל אהין.
און ס׳זיצן די יינגלעך און גאפן, פון פריידן און זיסקייט אזש שטום,
און יאנקל דעם פישערס זון, חיים, ער פירט אויפן טייך זיי ארום.
„הא!״—שרייט „לייבל דער רויטער״ און ציטערט פון מורא און גליק.
„הא!״—שרייט א שטיפער פון ווייטן און ענטפערט דעם יינגל צוריק.
און מ׳שיפט זיך דאָ איבערן וואסער אריבער אויף יענער זייט ברעג,
און מ׳זיצט אויפן בארג אויף די גראָזן און מ׳רוט נאָכן גליקלעכן וועג.
און מ׳זינגט־אויף א שיר מיט א שמחה, מיט פרייד אָן א ברעג, אָן א צאָם,
ווי ס׳האָבן געזונגען „אז ישיר״ די יידן פון יענער זייט ים.
און שלמה געפינט ברויט א שטיקל אין קעשענע, געגנוג אויף א צאָן,
מ׳עסט דאָס און ס׳האָט טויזנט טעמים, ווי ביי יידן אין מדבר דער מן.

העכער, צום פעלד־צו, לויפט דורך א באן קיין אונגען מיט געפילדער,
רייסט עס דאָ איבער די שטילקייט, וואָס ליגט דאָ, די זיסע, די מילדע.
צעגייט אין דער לופטן דאָס פייפן און קלינגען פון שטאָטישע באנען,
דערהערט זיך דאָס פייגלשע זינגען און קוואקן פון בראָסקעס*)
פון דאנען.
און קומען פארנאכטן ווערט פרום יעדעס ווינקל אין פעלד דאָ אין שטילן,
און ס׳בייגט זיך דער טראָשטש אין א תפילה, און ס׳לויבן אין גראָזן
די גרילן.
און פייגעלעך שטעקן די קעפלעך ארויס פון די נעסטן מיט וואונדער,
און ס׳ציטערט פון חידוש די קו און דער הונט דאָ, א יעדער באזונדער.

אין פריען באגינען, ווען ס׳ליגט דער באשאָף נאָך פארטייעט אין חלום,
און ס׳וואשט זיך די וועלט ערשט אין טוי און זי באָדט זיך אין שלווה
און שלום,

*) בראָסקעס—זשאַבעס.

איז קאַפּריאַן שוין אין דרויסן און קוקט שוין מיט אויגן מיט גאַרע,
און ציט מיט דער פליישיקער נאָז צי ס'שמעקט ניט די לופט מיט
קיין כמארע.
און אויסציען נעמט ער די ריזיקע נעץ אויף די הילצערנע שטאַנגען,
ווייל נאָך יעדן „שלעפ״*) דאָ, מען מוז באלד פארשטשאָכן דעם נעוואָד,
דעם לאַנגען.
שפּעטער, פאַרענדיקט, ער קראַצט זיך א ווייל אין פאַרהאָריקטן קאָפּ,
קערט איבער די לאָדקעס אַנטקעגן דער זון און פאַרקלעפּט זיי מיט פּאָפּ.

הינטער דער שטאָט, וואו ס'שטייט דאָרט די באָד, איז דער אָנהייב
פון טייך,
ווייטער, ס'ליגט דער „פּריקעץ״*) מיט די גראָזן און זשאַבקעלעך רייך.
פון יענער זייט שאַטנט א וועלדל, פון דער זייט—א ווייבער-געַרויש,
מ'וואַשט און מ'רייבט אויפן וואַשברעט, א קוועטש און מ'וואַרפט
אין א קויש.
פון אויבן א מאָך א באַגרינטער, און ס'האָט ניט קיין טעם דער פּריקעץ,
ווי גאָט וואָלט באַשאַפן דעם טייך; און געמאַכן דעם פּריקעץ
האָט א ליץ...
נאָר ס'האָט אויך דאָס טייכל א שטיקעלע יחוס, כאָטש עפּעס א פּנים:
אונטערן באַרג, אויפן ברעג—עס שטייט דאָ א קוואַליקער ברונעם.

אונגען און דער טייך זיי זיינען פאַרבונדן, א שטוב מיט א קאַמער,
ס'איז דאָ נאָר ביים טייך מער זון און מער לופט, און די ערד איז
געראַמער.
און אָפט קאַפּריאַן דאָ אליין אויפן פעלד שוין זיין איינזאַמקייט פילט,
גייט ער אוועק זיך אין שטעטל אין שענק און דעם עלנד ער שטילט.
און פאַרן שענקער ער וויינט און ער קלאָגט זיך אויף גאָטלאָזע צייטן,

*) שלעפּ—דאָס ציען דעם נעוואָד.
**) פּריקעץ—א קליין טייכעלע

צוויי זין האָט, אוןביידן פאַרגלוסט זיך דעם טייך אויף דער שטאָט
צו פאַרבייטן.
ער טרינקט דריי מעת־לעת, און ער נעכטיקט אין שענק און ער
הערט ניט אויף ברומען,
ווייל גאָט האָט אין הימל זיין טייערסטן פריינד, זיין ווייב, צוגענומען...

און ס׳קאָסטן דאָ וואָלוול די פיש אין אונגען, און פאַר קאָפּקעס
דער פלאָטיק,
און ס׳קוויקן זיך אָרעמע לייט מיט דעם קאָסטריש דעם וואָלוולען,
וואָס זעטיקט.
מ׳עסט זיי, די פיש, אין דער וואָכן אין שטיבער סיי אָרעם סיי רייך,
מ׳עסט מיט הנאה, מיט פרייד, און מ׳איז שטאָלץ מיטן פּרוכטבאַרן טייך.
און קומט ערב שבת, איז קלייבט מען, ווי גאָלד, אין די קוישן די פיש,
ס׳זאָל האָבן א זינען דער שבת, א טעם דער הייליקער טיש.
„אוי, ס׳איז דער קאַרפּ א מחיה... און זיס ס׳איז די יויך פונעם קאָרעס,״
און מ׳זינגט „כל מקדש״ אין פריידן, און לעבעדיק ס׳זינגען זיך זמירות.

און ס׳טרעפט זיך, ס׳ליגט קאָפּריאַן אין די נעכט דאָרט אליין
אויף זיין בעטל,
און חלומט פון עבר, און טראַכט אויך פון איצט און פון יידן אין שטעטל.
די פענצטערלעך אָפן, ס׳גיט זיך קיין צווייגל, קיין בלעטל א ריר.
און שטיל איז די נאַכט דאָ, אמאָל נאָר דאָס קעצל עס קראַצט
ביי דער טיר.
און ס׳טראַכט איצט דער גוי: „אָ, שוין צענדליק יאָרן איך לעב דאָ
צופרידן,
און ס׳פירט מיך מיין שטענדיקער וועג פון דעם טייך נאָר אין שטעטל
צו יידן.
אוי, א וואונדערלעך פאָלק... אזוי הארציק און קלוג און געניט!״
און צלמט זיך איבער: „אָ, ווען איך וואָלט געבאָרן געוואָרן א ייד״...

## כא
# נײַע מלמדים

פֿאַרנט אַ שטיבל, דער הויף—אַ געוואַלדיקע גרײס,
דאָ לערנען זיך ייִדישע קינדער דעם אלף בית.

ס'האָט זיך דער רבי אין אַ בלאָטיקן געסל באַזעצט,
און קינדערלעך פֿאַלן און ווערן פֿאַרבלאָטיקט, פֿאַרנעצט.

דער „בעלפֿער", אַ ייִנגל, ער נעמט אין דער פֿרי זײ פֿון שטיבער,
און טאַסקעט און טראָגט זײ אַריבער די בלאָטיקע גריבער.

זײ האַלטן די הענטלעך בײַם האַלדז אים, אָט ווי מיט אַ שטריקל,
אַמאָל אין די הענטלעך—פּאָווידלע אויף שוואַרץ ברויט אַ שטיקל.

טראָגט ער אַ קינד אויף דער פּלײצע אין בלאָטע, דער גראָבער,
און קוקט אויפֿן ברויט און פּאָווידלע, ווי אַ פֿערד אויפֿן האָבער.

„עזריאליק, אַזאַ מין שטיק ברויט? וואָס ביסטו, אַ ריז?"
און גיט פֿון דעם שטיקעלע ברויט מיט פּאָווידלע אַ ביס.

און ס'האָט זיך דער אָרעמער באַהעלפֿער זײַן מאָלצײַט, נאָך אײדער
ער ברענגט זײ צונויף דאָ, די אלף־בית־ייִנגלעך, אין חדר.

זיצן דאָ קינדער אין חדר בײַם שמאָל־לאַנגען טיש,
אויף אַ באַנק אין אַ שורה, און מ'קוקט אויפֿן רבין צעמישט.

די אַנדערע האָבן צעשפּרײט זיך אין חדר, אין הויף,
און דער באַהעלפֿער גיט אַכטונג, ער פּאַסט אויף זײ אויף.

אַ גאַנצן טאָג אים נאָר עס הונגערט—צי עפּל, צי ניס,
צי ברויט גאָר מיט שמאַלץ, צי אַ פֿלוים—ער גיט נאָר אַ ביס...

אַט איז ער אין חדר, אַט לויפט ער ארוים שוין אין דרויסן,
ס׳וויינט דאָרט א ייִנגעלע, נעבעך, פארשמירט זיך די הויזן...

טוט דער באהעלפער אים אויס דאָ אינמיטן דעם הויף,
ווארפן שוין קינדער די שפּילן און מ׳לויפט זיך צונויף.

ס׳האָט זיך דער בחור פארשמירט אז ס׳איז שרעקלעך, סכנות!
קוקן די קינדער מיט אייגעלעך פול מיט רחמנות.

שוין...ער טראָגט שוין די הייזלעך, ס׳איז ריין יעדער פאָדעם,
ער וואשט זיך און זאָגט אויפן קול „אשר יצר את האדם.״

און דאָ גייט א בחור מיט אייגעלעך ווי אין א נעפּל,
ס׳האָט גאָט אים געשטראָפט און ס׳איז, נעבעך, פארשטאָפּט אים
דאָס קעפּל.

און ס׳פירט אים דער באהעלפער פון הויף דאָ אין חדר אריין,
ער דארף מיט אים חזרן ווידער דעם וואָו און דעם „זין״.

אין חדר עס זיצט איצט געבויגן דער רבי אברהם,
מיט שפּיציקן טייטל ער לערנט שוין שעהן און שעהן.

אנו, זאָג נאָר ווידער: וואָס אי׳ דאָס? אנו, יונגערמאנטשיק!
וועסט אלץ וואָס איך לערן פארגעסן, ל׳ך נוצן דעם קאנטשיק.

נעם אריין אין דיין אָרעמען קעפּל פון תורה אביסל:
דער גימל—דו זעסט דאָ?—ער האָט א צעלאָמעטן פיסל.

געדענק, אז דו׳סט וויסן די יידישע אותיות אלע,
גיב איך דיר באלד מיט א מעשענעם פּופּיק א כלה.

דאָס קליינינקע יידעלע זיצט זיך געקלעמט אויף זיין אָרט,
און זאָגט נאָך דעם רבין מיט מורא א וואָרט נאָך א וואָרט.

אין ווייסט ניט דאָס יינגל אין סידור דעם צדיק און ריש,
קנייפּן די פינגער פון רבין פון „הינטן" זיין פלייש...

נאָר טרעפט ער א תלמיד א גוטן, ער קושט אים אין שטערן:
„א געזונט אין דיין קעפּל, דו וועסט נאָך א רב אמאָל ווערן".

אָט גייט ער אין גאס און דערזעט דאָרט א תלמיד פון פריער,
עם שיינט־אויף זיין פנים, ער קוועלט און ער פרייט זיך אָן שיעור...

אמאָל גיט דער רבי אויף אייגענעם פנים א „פּאָר",
און צופּט זיך ארויס פון דער באָרד, אָדער באקן, א האָר.

און ס'וואנדערט דער טייטל זיך ווייטער, פון אָרט צו אָרט היפּט ער—
און מ'רופט אים, דעם רבין, אין שטעטל „אברהם דער געצופּטער".

נאָר פון יידישע צרות ס'פילט זיך דער רבי געקרענקט:
„אוי, קינדערלעך, טייערינקע, זייט גוטע יידן, געדענקט..."

„גלייבט נאָר אין גאָט און גייט אויפן יידישן וועג
וועט קומען דער גואל המשיח נאָך אין אונדזערע טעג."

אברהם מלמד, א הארציקער, וואוילענקער ייד,
יאָר כמורנע פון דלות און פון לערנען מיט קינדערלעך מיד.

האָט פארזייט דאָ פון תורה אמאָליקע יידישע זאָמען...
זכרונו לברכה, זאָל געבענטשט זיין אויף אייביק זיין נאָמען.

• • • •

דער צווייטער אין שטעטל, אין ליבן, א ייד א מלמד,
ער האָט אויך א חדר, און דאוונט אין שול ביי דעם עמוד.

נו, האָט ער א זכיה צו לערנען אין דער ווייבערשער שול,
אין דערהיים איז צו־ענג, ווייל די שטוב איז מיט קינדערלעך פול.

ר׳ אריה מלמד, ער לערנט די קינדער שוין חומש,
און כאַפּט אויך אריין דאָ א פּסוק פון רשי, א צומיש.

א טיש און העט־אויבן א בענקל און צוויי לאנגע בענק,
און קינדערלעך אָטעמען פרייער, ווייל דאָ איז ניט ענג...

און אריה מלמד א שטילער, נאָר קלוג ווי א פוקס,
זיין באָרד איז א קורצע, א בלאָנדע, איז פון מיטעלער וואוקס—

ער דרייט זיך ארום אין דער לענג דאָ, אהין און אהער,
און העלפט זיי ארויס די תלמידים נאָר דאָרט וואו ס׳איז שווער.

אָט לייענט דאָרט א יינגל „משפטים״, און טייטשט: „ואלה המשפטים״,
„און דאָס זיינען די משפטים״... און דאָ, ווי ס׳שאדט אים,

עס גיט זיך דער רבי מיט הענט אויפן רוקן א דריי,
און איבער די קעפּ פון די קינדער עס הילכט א געשריי.

„גולם!״—ס׳כעסט זיך ר׳ אריה—דו פּוסטער יונגאַטש!
משפטים, דאָס וואָרט נאָר משפטים, עס האָט דאָך א „טאַטש״...

„קינדער, ווי אזוי האָב איך פריער פארטייטשט אָט דאָס וואָרט?״
„געזעצן״—עס גיט זיך א יינגל א דריי אויפן אָרט.

און ס׳קוקט איצט דער רבי מיט א שארפן בליק אויפן „שנעק״,
און ס׳יינגל קוקט ווידער אין חומש און גייט זיך זיין וועג.

און דאָ קערט זיך אום דער מלמד מיט הענט אויפן רוקן:
„הערט־צו, איר קונדסים, אלע זאָלן גלייך צו מיר קוקן״.

און קינדער מיט אייגלעך צעפּראלטע צום רבין זיי שטארן,
ווייל הערן א חידוש אין חומש, דאָס שטענדיק זיי גארן.

„ואלה המשפטים״—זאָגט, קינדער, דער מדרש אזוי:
אז גאָט האָט געוויזן די יידן די משפטים גענוי;

„ואלה", אָט זעט, ווי אין שולחן ערוך, בסדר—
און לערנט זיי, יידן, ווי מ'לערנט א ספר אין „חדר".

און נאָך דעם אין פסוק, „אשר תשים" איז ווייטער געשריבן—
פארוואָס די משפטים גאָר „לייגן", און ניט בעסער „גיבן"?

נאָר גיבן איז נאָך ניט גענוג, דאָס פאָלק קען זיין פויל,
מ'דארף די משפטים דעם פאָלק ארייגלייגן אין מויל.

נו, חברה קונדסים, געפעלט אייך דער מדרש, דער שיינער?
א ייד, אז ער קען די משפטים, איז זיין לעבן א ריינער.

„לייבל, זאָג דו נאָר...„כי תקנה"—„און אז דו וועסט קויפן"—
נאָר לייבל, ער האָט איצט אין קעשענע קנעפלעך א הויפן.

ער זאָגט פון דעם חומש דאָ כלומרשט צעפלאמט, אין דער הויך,
און קוקט אויך בגנבה אריבער צו זיין חברל נוח.

דער חומש, ער איז טאקע הייליק, נאָר קנעפלעך פארפירן,
זיי זיינען אי שיין, אי אלערליי מינים און אלע קאָלירן.

נו, בייט ער זיך אונטערן טיש דאָ מיט נוח זיין פריינד;
ער האָט ליב טאקע חומש—נאָר קנעפלעך ער האָט אויך ניט פיינט.

ער הייבט אָן צו זאָגן: „כי תקנה"—„און אז דו וועסט קויפן",
„עבד עברי", א יידישן קנעכט...וועסטו קויפן...

„שש שנים"—זעקס יאָר...זעקס יאָר...
גי' מיר א סאָלדאטסקע קנעפל, כ'ל דיר גיבן א פאָר..."

און ס'לויפט-צו ר' אריה מיט אן אויפגעציטערטער האנט,
און דערלאנגט אים א פראסק, אז דאָס יינגלשע פנימל פלאמט.

און ליידיקט אים אוים פון אלע זיינע קנעפלעך פון קעשענע:
זילבערנע, גאָלדענע, ווי אויך די סאָלדאטסקע, די מעשענע.

„אזוי לערנט איר תורה, קונדסים, איר פוסטע ליידאקעס?
אָ, וואָס וועט איר קענען פון אזא מין סאָרט לערנען?—נאָר מכות!

גאָר תורה און קנעפּלעך... און ס׳שטייט נאָך „מבני עניים״—
זאָגט, ווי קען פון קנעפּלעך די תורה גאָר האָבן א קיום?...״

און אמאָל נעמט ער גרעסערע קינדער דאָ איין מאָל א חודש,
און פירט זיי אריין אין דער מענער־שול צום ארון־קודש.

און ס׳פאַלט אויף דער חברה, די יינגלעך, ביים שולחן א מורא,
ער ווייזט זיי געציקלטע אותיות דאָ אין דער תורה.

ער לערנט זיי לייענען גרינגערע אותיות, ווערטער,
און ס׳פינקלען מיט שמחה די אויגן, און אלץ פריילעכער ווערט ער.

„קינדער—ער ווייזט, און זיין קול מיט א פעסטקייט טוט ברומען—
אָט דאָ ליגט דער סוד און דער כוח פון דער אייביקער אומה!...״

• • • •

דער דריטער מלמד אין שטעטל איז איציק מלמד,
פון מיטעלע יאָרן, א שיטער, שווארץ בערדל, א יידל—א סאמעט.

א בעל־מום איז ער, קרום אויף א פוס און ער שפּאַנט מיט א שטעקן.
איז וואויל... נאָר אמאָל קען ער פלוצים די קינדער דערשרעקן.

מ׳קוקט ניט אריין, זיך צעהוליעט, א צו־גראָבער טעות—
ער צאָרנט, נעמט אָן זיך די קנאה פון אדושם צבאות.

דאָס פּנים עס פלאקערט, די אויגן ביי ברעגן, צעמישט,
הינקט־צו צו זיין אָרט מיט א שטורעם, און—א זעץ אויפן טיש!

„אוי, חיים, דו וויסטער עם־הארץ, וואו ביסטו פארפלויגן?
דו חלומסט פון פייגעלעך, קענסט ניט א פסוק כהוגן!...

„מרעים״ איז גאָר ניט קיין פריינד, פארקערט, ס׳איז רשעים—
אוי, קינדערלעך, אוי האָט איר קעפּלעך, ווי אמתע גויים.

ישעיה האָט געלעבט זייער לאנג, די יאָרן פון משה רבינו,
ווען ער הערט דיין „טאטש”, וואָלט ער געהאט קיצור ימים, לא עלינו...

שלמה, זאָג דו...כל עצמותי, מיט איטלעכן אבר...
און ער הינקט אלץ ארום די צוויי בענק, זיין שטענדיקע טבע.

מ׳קוקט ניט אריין, איז פון הינטן א קלאַפּ און א שטורך,
און קינדער זיי בייגן די קעפּ ווען דער רבי גייט דורך.

די גרויסע תלמידים ער לערנט ישעיה, תנך,
און לערנט זיי אויך לשון-קודש און דקדוק א סך.

און לערנט גמרא א בלאט מיט אן עלטערער כיתה—
ר׳ איציק האָט געלערנט אין ישיבות אין דער ווייטער ליטע.

ס׳האָט יאָסל דער שוסטער געזען, אז זיין יינגל איז קרום,
און געחלומט א למדן זאָל ווערן זיין זון, דער בעל-מום.

איז געשטאָרבן דער שוסטער ר׳ יאָסל מיט א גרויסער גדולה:
זיין חלום, זיין הארציק געבעט, האָט געהאט א פּעולה.

און ס׳לערנט ר׳ איציק די יינגלעך פּארטייטשן די תפילות,
און קנעלט מיט זיי תהלים און משלי און די פינף מגילות.

און וואו נאָר אן אָרט וועגן יושר, ער בלייבט שטיין א רגע,
און זוכט צו דערהייבן די קינדער צו א הויכער מדרגה.

„אדושם ילחם לכם ואתם תחרישון”—
קינדערלעך, הערט אוים א רעיון, א נייעס, א פרישן:

משה רבינו, דער געטלעכער מנהיג, דער טייערער,
האָט גערעדט צו דעם יידישן פאָלק ווי א נביא, מיט פייער.

געוויזן ער האָט זיי דעם ערלעכן וועג ווי צו לעבן,
און דעמאָלט נאָר גאָט וועט זיין שפע און ברכה זיי געבן.

ה׳ „ילחם״—גאָט גיט אייך שפע, דאָס „ברויט״,
ואתם „תחרישון״—נאָר „אקערט״, אניט קומט די נויט...

ער טייטשט־אויס א פסוק מיט שכל און שיינקייט און טעם,
און פול איז מיט מיטלייד צו ברידער, צו דעם אָרעמאַן.

אָט קוקט ער אין סידור און בלעטערט, איז ערלעך מתפלל,
און פירט זיי אריין דאָ די קינדער אין שירה, אין א הלל:

איר זעט, ליבע קינדער, דעם פסוק אַ־דאָ פון „הללויה״;
„אל תבטחו בנדיבים, בבן־אדם שאין לו תשועה״?

איז הערט־זשע, איך מיין ניט צו מאכן פון סידור א שפּאָט,
אלע מאָל דארפן מיר האָבן ביטחון אין גאָט.

נאָר סיי־ווי, איר הערט־אויס דעם אנדערן טייטש אויך מיט קאָפּ,
און שטעלט נאָר א קאפּעטשקע איבער דאָס וואָרט מיטן טראָפּ...

„אל תבטחו בנדיבים״—ניט פארלאָזט זיך אויף „פיינינקע״ לייט,
זיי זיינען פון יושר און אמת א היפש ביסל ווייט.

„בבן אדם שאין לו״—פון דאָרטן קומט אָפּט די „תשועה״,
דער שטילער און אָרעמער העלפט אונדז און ברענגט די רפואה...

ס׳ברענט דער תנך, און מ׳קומט צו דעם הערשער, צום האַר,
ס׳שטראָפט אים דער נביא פאר רויבן, פאר נעמען כאבאר.

„שריך סוררים!״—צעשרייט זיך דער רבי מיט פלאַם,
„דיינע הארן זיינען אַפּקערער״, זיי קערן זיך אָפּ פונעם שטאַם.

„יתום לא ישפוטו״—דעם יתום זיי משפטן ניט.
הפקר די תורה—די דינים, זיי היטן זיי ניט.

קומען יתומים, אלמנות, צום שופט צום דין—
קוקט ער אויף זיי נאָר מיט שנאה, ווי נאָר אויף א שפין.

ער מאכט זיי פאר קנעכט גאָר, ער הייסט זיי מיט גאווה, מיט שטאָלץ,
אָנשעפּן וואסער פאר אים גאָר און אָנהאקן האָלץ.

אוי, וואָס פאר א ווייטיק ס'איז און, אָ, וואָס פאר א שאנד,
אזעלכע חטאים ביי יידן אין יידישן לאנד.

און אָט רוט ער אָפּ זיך א רגע און בייגט אָן דעם קאָפּ,
און פונעם פארכמורעטן פּנים דער כעס גייט אָפּ.

ער גלייכט אוים דעם רוקן און ס'שטראלן מיט שמחה די אויגן—
איז שוין מיטן נביאס א חלום דאָרט ערגעץ פארפלויגן...

„והיה באחרית הימים״—אנו, עפנט די ספרים:
איי א וועלט, נאָר מיט צרות און פּלאָגן, רציחות און קברים.

און בלוטיקע פעלקער-מלחמות, און אלע מאָל נייע—
אנו, לאָמיר זען, וואָס זאָגט אונדז דער נביא ישעיה.

„נכון יהיה הר בית ה׳—גאָטס הויז,
שטייט פעסט אויפן בארג פון יהודה, און איז שטאָלץ און איז גרויס.

און פעלקער פון איבער דער ערד דאָ, זיי וועלן זיך ציען,
און שעפּן די קוואלן פון חכמה אין הויז דאָרט פון ציון.

גאָלדענע טעג! ... און א סוף שוין צו קנאה און נקמה,
ס'ט אויסוועפּן שנאה און מער וועט ניט זיין קיין מלחמה.

„לא ישא גוי אל גוי חרב״, און פעלקער שוין לעבן בשלום—
ס'אָ נבואה פון ישעיהס מויל און ניט נאָר א חלום...״

איצט קוקט ער און זעט דאָ די קינדער אין ווייטקייטן שוועבן.
„זייער מזל . . . וועלן אפשר די ליכטיקע טעג נאָך דערלעבן . . .״

מ׳נעמט זיך איצט לערנען גמרא, די בבא מציעא,
מ׳שאַרפט זיך די מוחלעך, מ׳האַלט איצט ביי „מצא מציאה״.

ר׳ איציקס א טבע: ער לויבט, און מיט פרייד מאכט א ברכה,
וואו ער געפינט נאָר פון אמת און יושר א הלכה.

און פלוצים, ער ווערט גאָר צערוגזט, פאַרקרימט גאָר דאָס פנים:
„מצא מציאה״, דאָס האָבן געדרשנט נאַראָנים.״

עס שפּאַנען צוויי מענטשן אין גאַס, מ׳געפינט א „מציאה״,
געהערט די „מציאה״ צו דעם וואָס געכאַפּט האָט עס פריער.

וואָס הייסט עס? ברשות הרבים איז אַלץ הפקר, חלילה?
קומט אויס, אז „האוחז בידו״ איז די בעסטע תפילה...

דער וואָס האָט כוח, און כאַפּט און שלעפּט און קען יאָגן,
ער דאַרף די „מציאה״, וואָס ביידע געפינען, פאַרמאָגן...

און גיך־צו ווען ס׳קוקן די קינדער צעמישט פון דעם „רמז״:
„געדענקט, מיינע קינדערלעך ליבע, גאָטס חותם איז „אמת״...״

און קינדער זיי הערן מיט טיפן דרך־ארץ און מורא—
און ס׳לערנט ר׳ איציק מלמד די הייליקע תורה.

דריי שיינע מלמדים איז דאָרטן אין שטעטל געווען.
אָ, לאַנג שוין...זייט דאַן, אָ, וואָס ס׳איז אין מיין שטעטל געשען!...

יאָ, לויטער זיי שיינען פאַר מיר אין מיין ליכטיקן חלום,
און זאָלן זיי רוען אין גן־עדן, אין שלווה און שלום.

כב

# די העברעאישע שולע

פול איז דאָס שטעטל מיט קליינוואַרג, קיין עין־הרע, חדרים דאָ פולע,
נאָר ס׳איז נישטאָ נאָך אין שטעטל אונגען קיין העברעאישע שולע.
ס׳וואַקסען אַ סך אפיקורסים, און בעסער פון גמרא, אַראַמייאיש,
וויל מען שוין לערנען די זין און די טעכטער מאָדערנע העברעאיש.

אמאָל באַלעבאַטים שוין שפּאַסן פון פאות, קאַפּאָטע און קיטל,
ס׳אַרט זיי ניט אַז זייערע זין וועלן לערנען אין שולע אָן אַ היטל.
אַ ייד אַז ער טוט־אויס דאָס היטל, איז אמאָל שוין ער האָט ניט
קיין ברירה,
און קוקט שוין ניט אָן מער דעם סידור — „עבירה גוררת עבירה״.

זיינען דאָ אייניקע יידן פון מנהג פון אַלטן שוין מיד:
„ווער ס׳קען „אל הצפור״ פון ביאַליק איז אויך ניט קיין לײדיקער ייד...״
זיי קוועלן פון שאול טשערניחובסקי, פון יעקב כהן, פיכמאַן און שניאור,
און האָבן פון שירים הנאה, און לייענען מיט טייטשן און „ביאור״.

מ׳פּילט זיך דערפרישט און דערהויבן, און ברייט ווערט די שטעטלשע
ענגשאַפט,
אַ וועלט, אָ מיט ליכט און מיט רחבות, מיט שיינקייט און טרוימען
און בענקשאַפט.
ס׳איז דאָ אויך אַ טרייסט צו די פּלאָגן, אַ בשורה פון יום־טוב און פרידן,
און — אָ, ווי מ׳בענטשט דאָרט דעם מענטשן! און וואָס פאַר אַ ליבע
צו יידן! . . .

נו, וועט מען באַלעבן, דערקוויקן די קינדערשע הערצער מיט דעם,
די דיכטער ביים פּאָלק זיינען העלדן, זיי האָבן אַ נאָמען, אַ שם.

איז מאכט יאָסל וויינשטיין א בונט קעגן יהודה־ליב פישמאן, דעם רב,
עס מוז א העברייאישע שולע זיך עפענען דאָ סוף־כל־סוף.

ער איז בלינד, ער לעבט אין דער פינצטער, דער רב יהודה־ליב הכוהן,
ס'אַן אנדער וועלט איצט—עס דארפן אויך יידן אן אנדער וועלט בויען;
אין דער העברייאישער שולע מ'ט לערנען אויך רוסיש א סך,
ווייל רוסלאנד האָט א קולטור, דארף מען קענען די רוסישע שפראך . . .

שיקט זיך א יידיש קינד זאָל ניט קענען גאנץ גוט אריפמעטיקע . . .
מ'איז דאָך א פאָלנע גראָביאן אז מ'קען ניט די רוסישע גראַמאַטיקע . . .
מיר לערנען פון וועלט די לימודים, און היטן אויך יידישע עיקרים:
מ'לערנט העברעאיש, געשיכטע, און ביאליקס „ספורי המקרא".

עס שטייט שוין א העברעאישע שולע, דער בנין א היפשער, א פיינער,
דער רוסישער לערער הייסט פישמאן, דער מורה עברי איז מר וויינער.
דער „רוסישער" איז א געזעצטער, נאָר וויינער איז שוועבל און פייער,
ער רעדט א העברעאיש—א וואסער, נאָר ס'איז א העברעאיש א נייער...

און נייע מנהגים דאָ הערשן, עס שטייען די קינדער אין ריי;
אין הויף דאָ—זיי שפילן זיך, שפרינגען, און לערערס אינאיינעם מיט זיי;
די יינגלעך פארפוצטע, אָן היטלעך, און מיידלעך מיט צעפלעך
און ליענטעס:
מ'לאכט דאָ ביים לערנען, און מ'הייבט־אויף די הענטלעך אָן ציטער,
אָן פענטעס.

און ס'קענען אויך קינדער היסטאָריע...ס'קומען די קינדער אהיים,
דערציילן, אמאָל אין מצרים האָבן יידן געארבעט ביי ליים.
און קליינוואַרג ס'רעדט שוין העברעאיש, זיי ווייסן שוין זאָגן א טוץ;
„הילד בוכה בבית" . . . „הכלב נובח בחוץ" . . .

און פּאַרנט, אנטקעגן דער גאַס, אין אַ גרעסערן צימער, האָט דאָרט
די שטאָט־ביבליאָטעק פאר די ספרים געפונען אַ ווינקל, אַן אָרט.
פארנאכט־צו אַ שטראָם מיט תלמידים, זיי קומען די ביכלעך דאָ בייטן,
און דורשטן נאָך וויסן, און נעמען דאָ ביכער פון הונדערטער זייטן.

און אָט—אַן אסיפה אין שולע פון טאַטעס, און ס'שטעלט דאָ דעם טראָפּ
דער הויכער מר ווײַנער, און גלעט זיך די שיטערע האָר אויפן קאָפּ.
ער היצט זיך און פלאַמט: „אַ, העברעאיש!...אַ לשון, אַ שפּראַך, אַ מחיה!
פארגעסט ניט, הורים יקרים, ס'איז די שפּראַך פון דעם נביא ישעיה!"

„דאָס יידישע לעבן אין גלות מ'דאַרף פון יסוד איבערבויען,
און רעדן דאָס לשון פון מאַפּו, און גורדון און אד"ם הכוהן;
די שפּראַך פון תנך און פון משנה... אין ערגעץ ניטאָ אַזאַ שיינקייט:
הערסט קלאַנגען פון הרי יהודה, האָסט פון בית־המקדש די ריינקייט."

„איז לאָמיר באַגריסן די שולע, און טאָן עס מיט האַרץ און מיט פייער,
און איצט לאָמיר זינגען „התקוה" צום לאַנד, וואָס איז אונדז אַזוי טייער."

## כג

# דריי שולן

די ערשטע שול האָט ניט געהאַט גאָר קיין נאָמען,
געווען נאָר אין שטעטל איין שול.
אַז נאָך דעם איז ווידער אַ שול אויפגעקומען,
איז געוואָרן אַ טומל ביי קהל.
מ'קהלט זיך, מ'טומלט, דער קאָפּ ווערט אַזש דול,
אַסיפות, מ'שפּאַרט זיך אָן שיעור;
און מ'האָט שוין אַ נאָמען: „די נייע שול״—
„די אַלטע״ איז יענע פון פריער.

האָט שוין צוויי שולן אונגען, דאַנקען גאָט,
נאָר יידן זיך פּרוכפּערן, מערן;
דער ייד דאָך אַ ליכטיקן גלויבן ער האָט,
און שפּע וועט גאָט דאָך באַשערן...
נעמט מען זיך ווידער שוין בויען אַ שול,
צווישן די צוויי, אין דער מיטן.
און איצט זיינען קעפּ אויף אָן אמתן דול:
וואָס נעמט מען אַ נאָמען אַ דריטן?

ביי יידן מיט חכמה דער קאָפּ איז דאָך פול,
איז די לעצטע, וואָס שיין און געראַם איז,
רופט מען „די נייע שול״; און „די נייע״ פון פריער—
אויפן נאָמען פון גענעצל דעם שמש.

אַ יידעלע קליין, און איז פלינק ווי דער ווינט,
נאָר כבוד ער האָט שוין פאַרפול;
צווישן די דאַוונער זעט ער אויס ווי אַ קינד—
נאָר ס'איז „גענצל דעם שמשס שול״...

און יידעלעך דאַווענען אין אַלע דריי שולן,
און מ׳לויבט און מ׳דאַנקט היים דעם בורא,
ווי די אבות אַמאָל, מיטן האַרץ מיטן פולן,
מיט טיפער הכנעה און מורא.
„הריני מתעטף״, ס׳וויקלט זיך איין
מיין גוף אין די פֿאָדעם פון ציצית;
מיין לעבן, מיין אָרעמס, צעדריקט איז פון פיין,
פון נייע עינוויים באשיץ עס.

און גיב מיר די חכמה, און שענק מיר דעם כוח
צו ראַטעווען זיך פון דעם פיינד:
איך טו דיך דאָ דינען און לויבן דיך הויך
אין טלית פאַרוויקלט דאָ היינט.
און קומט מען אַריין אין די שולן, באַלד וואַרפט מען
אַראָפּ אַלע וואָכנס און עולן;
„קדושים תהיו״—מ׳איז הייליק, איצט דאַרף מען
א הייליקן חוב דאָ באַצאָלן.

„נשמת כל חי״—יאָ, מ׳האָט א נשמה,
זי קומט זיך דאָ טובלען און טויכן,
זי שעפּט אָן ביטחון און פרייד און נחמה
פון ליכט און קדושה אין די הויכן.
און ס׳גייט אָפּ די גאווה, מ׳פילט זיך איצט קליין.
וואָס איז מען? פּאַלאָווע און שטרוי;
רבונו של עולם, מ׳איז זינדיק, געמיין,
אוי, מרום וקדוש שמו.

ר׳ אריהם דין קולכל, מיט פייער און פיבער,
עם קלינגט אָפּ אין „העכערע ספערן״,
ער איז דאָך ביים יידישן פאָלק א שליח־ציבור,
און ס׳דאַרפן זיך יידן דערנערן...

איז ווער וועט נאָך העלפן ווי אַן אייגענער טאַטע?
נו, קומט ער דאָ צו אין קדושה:
„הגדול והקדוש"... אוי, אוי, ברוך אתה...
און לייגט אים אוועק די בקשה.

און ער בעט, דער בעל-תפילה: „שבענו מטובך",
אָט פאַל איך פאַר דיר אויף די קני;
ער האָט מורא, אַז לויב און אַן „אין כמעשיך"
איז אומזיסט גאָר זיין לויבן, זיין מי...
אָט זאָגט ער „יהי רצון", מ'בענטשט היינט ראש חודש,
מ'דאַרף נייע שפע פון אויבן:
„אוי, חיים של ברכה!" און פלאַמט, כולו קודש,
און הערט ניט אויף זינגען און לויבן.

הויך איז די שול און עס הילכט יעדעס וואָרט,
און מ'לעבט דאָ מיט הימלען, אין רחבות;
ס'איז ניי און ס'איז הערלעך און הייליק דאָס אָרט,
און ליב איז די יידישע אחדות.
שרייט מען אויס טיף פונעם האַרצן די תפילות,
צו גרייכן דעם כסא הכבוד,
און פלאַמיק מ'זינגט אויס די שבחים און תהילות,
ווי אין תהלים דער זינגער דוד.

כייקל דער סטאָליער איז שמש אין שול,
באַדינט ער צוויי שולן אינאיינעם;
ווייל ער איז אויך שמש אין דער „אַלטער שול",
פאַרנעמט ער אַן אָרט גאָר א שיינעם.
א כבוד, א יחוס, ווערט הויך אָפּגעשאַצט—
נו, טראָגט ער א גאָלדענעם זייגער,
און שפּאַנט—ער איז מלך דאָ אין א פּאַלאַץ,
און רעדט ווייך און זיס, אויף זיין שטייגער.

געוואָרן איז כייקל נאָך יונגערהייט ווייס,
ער גלעט אלץ די קלאָר־ווייסע באָרד,
און מ׳האלט אים מיט כבוד, אזוי ווי א גרייז,
און ס׳האָט א השפעה זיין וואָרט.
אז דער גבאי ביים שולחן, ביי קריאת התורה,
קוקט אין ספר, ווי אין „מדרש פליאה״,
איז צעטומלט און פאר די באלעבאטים האָט מורא—
זאָגט כייקל וועמען גיבן אן „עליה״...

און מ׳דאנקט פארן כבוד—ווי גאָר אין אמאָל—
וואָס גאָט האָט אונדז דאָ צוגעטיילט;
„געלויבט איז זיין נאָמען״—הויך ענטפערט גאנץ קהל
וואָס האָט אונדזער פאָלק אויסדערוויילט״.
און עס דאנקט די נשמה: „אוי, וחיי עולם...״
און פריילעך דאָס הארץ איז און טאנצט:
„עס האָט אין אונדז, יידן, דער רבונו של עולם
א לעבן אן אייביקס פארפלאנצט.״

• • • •

ביי געצל דעם שמש אין שול איז שוין שטילער,
די שול איז ביים ברעג פונעם פעלד,
און מ׳קוקט פון די פענצטער בשעת התפילה,
פארכישופט פון גאָטס גרינער וועלט.
נישטאָ מער קיין שטענדיקער „לייטישער״ חזן,
עס דאוונט סיי־ווער ביי דעם עמוד;
ס׳איז אוים „נייע שול״, איז א יורד, פארלאָזן,
גאָר אנדערש ווי פריער, ווי תמיד.

ס׳האָבן באלעבאטים, מיוחסים און „פרייע״,
די יידן, וואָס נאָרן אָפּ גאָט,
באזעצט זיך אין „מזרח״ אין שול אין דער נייער,
און געלאָזט דאָ די שול נאָר אויף שפּאָט.

אפילו אין יום-טוב זי איז שוין ניט פול.
דער עולם צעשפּרייט איז און שיטער.
אן אומעט א שווערער עס ווייעט אין שול,
און לייגט זיך געדיכט אויף געמיטער.

מ׳וויקלט אין טלית דאָ ענגער זיך איין,
און הויך אויף אמאָליקן שטייגער:
„יעלזו חסידים״, נו פריילעך זאָל זיין—
און דער ניגון אין האלדז בלייבט פארלעגערט . . .
און געצל דער שמש איז אויך עפּעס קראנק,
ער דינט שוין דאָ ימים ושנים:
מ׳חלומט ביים דאווענען, און ס׳טוט עפּעס באנג,
די שול האָט פארלוירן איר פּנים...

נאָר שטארק ווי א פעסטונג עס שטייט נאָך „די אלטע שול״ פון אמאָל,
וואו טיף איינגעקנאָטן עס זיינען די תפילות און טרערן אָן צאָל.
דאָ זיינען שוין דורכגעוויקט אלע ווענט מיט יאָמער און וויי,
דער באלקן אזש שפּאלט זיך ווען מ׳האקט אין די הימלען מיט קלאָג און געשריי.
ניט קלאָר נאָר פארוואָס ביי יעדער גאָטס שטראָף, וואָס אמאָל האָט געטראָפן,
אהער, אין דער אלטער בית-תפילה, זיינען יידן מיט טרערן געלאָפן.
מיט מוחות צערודערט, און גופים פון גלות געשרומפּן, געבויגן,
געשווידערט מ׳האָט און מתפלל געווען מיט צעשראָקענע אויגן.

עס קלינגען נאָך דאָ אין דער לופט די געוויינען, געוואלדן און קרעכצן,
עס הערן זיך דאָ נאָך בקשות און תפילות פון בענקשאפט און לעכצן
נאָך גאולה, וואָס מאניעט און כישופט, מ׳איז מיד שוין פון ווארטן און האָפן—
ס׳האָט די לופט איינגעזאפט יעדער פּלאָג, וואָס דעם שטעטל אונגעזן האָט געטראָפן.

האָט א מוטער געזען, אז איר טאָכטער אין בעט איז אין שאָטן פון טויט;
א זון האָט זיין אלטיטשקען פאָטער פארלאָזט, איז אנטלאָפן פון נויט;
אין דאָרף מ׳האָט פארנארט דאָרט א יידישע טאָכטער, וואָס איז
כשר און ריין—
איז פאלט מען מיט קאָפּ צו דעם ארון דאָ צו מיט א ביטער געוויין . . .

און וויפל מאָל לויערט סכנה, מ׳איז ממש ביים ברעג פון תהום,
און וויפל מאָל ציטערט דאָס שטעטל, ס׳שמעקט מיט רציחות, פאָגראָם.
איז לויפן דאָ יידן צונויף זיך, ווי אָרעמע שאָף, ווי געיאָגטע,
און גיבן צו גאָט זיך דאָ איבער, וואָס העלפט די געדריקטע, געפּלאָגטע.
די זין דאָרטן ווילן מיט אייזנס אנטקעגן דעם שונא זיך לאָזן—
נאָר וואָס פאר א כוח האָט אייזן? מ׳דארף נאָר אויף גאָט זיך פארלאָזן.
אָט־דאָ־אָ, אין ליכט פון דער שכינה, ביים הייליקן, אָפענעם ארון,
האָט הימל די תפילות פארנומען, און נאָך דעם איז שטילער געוואָרן . . .

ס׳האָט הערשל צירלס, דער חזן, נאָך אויסגעוויינט זיך דאָ די אויגן,
יום־כיפור, ווען ס׳איז הויך דאָרט אין הימל זיין נשמה ארומגעפלויגן.
איצט שטייט ביי דעם עמוד ר׳ משה, מיט דער לאנגער און
גרוילעכער באָרד,
און זינגט: „אוי, ממקומך, גאָטעניו״—„דערשיין פון דיין הייליקן אָרט.״
ער פלאמט ניט, ווי חזן ר׳ אריה, איז פריילעך און היימיש, חסידיש,
„עבדו את אדושם בשמחה״, ער רעדט מיט דעם הימל ידיד׳יש:
„מתי תמלוך?״—ווען ווערסטו שוין, גאָטעניו, קיניג אין ציון,
און פירסט דיינע יידישע קינדער, די ליבע, אריבער אהין?״

און מ׳דאוונט אָן קולות, אָן שטורעם, נאָר טיף איז דאָס בעטן:
„ווען וועסטו, אוי, גאָטעניו־פאָטער, דיין פאָלק, דאָס געפּלאָגטע,
שוין רעטן?״
און אָפט פון די ווייבערשע פענצטער ס׳הערט זיך אריין דאָ דאָס זאָגן,
דערגייט אזש צום הארצן דאָס שטילע, פארדביקהטע וויינען און קלאָגן.
און צניעותדיק־שטילע זיי ווישן פון סידור, פון אלטן, די טרערן:
„אוי,טאטעניו־פאָטער, אוי ווען וועלן יידן שוין אויפגעריכט ווערן?״

און מ׳טראָגט אזוי פריי דעם עול מלכות שמים און מ׳זאָגט אָן א סוף—
ביז פלוצים א קלאַפּ מ׳דערהערט פונעם שמש: „ס׳וועט רעדן דער רב!״

עס שוועבט אזא שלווה ארום, אזא הייליקער גייסט ביי דעם עמוד,
דער רב האָט נאָך מערער פארטיפט דעם „ודע לפני מי אתה עומד״.
דארף רעדן דער רב, שטעלט מען צו דאָ ניט ווייט פון דעם עמוד
א בימה,
שפּאנט ער דריי טרעפּלעך ארויף און מ׳הערט שוין זיין איידעלע שטימע.
הרב יהודה-ליב, ער נעמט רעדן פון בורא, דעם נורא ואיום,
און ס׳גיט זיך אָפּ יעדער א חשבון הנפש, ווי אין ימים נוראים.
און ס׳הערשט אזא הייליקע שטילקייט, נישטאָ דאָ קיין וועזן,
קיין מענטשן—
מלאכים דאָ שוועבן ארום, און וואכן און בענטשן און בענטשן . . .

און אלע, פארגאפטע, מ׳זעט דעם הוד מלכות שמים פון אויבן—
דער „מזרח״, דער „שפּיגל״, דער „פּאָליש״, די אָרעמע הינטערן אויוון.
עס זיצן די שענסטע גבירים פון שטעטל און הערן זיך צו,
ס׳רעדט איצט דער רב פון די דינים און שטראָפן און שטערט זייער רו.
ער ברענגט אזש דעם רמבמס בקיאות, זיין פירוש, זיין טיפע מחשבה,
און מישט עס צונויף אזוי קלאָר מיט א „קריג״ פון אביי ורבא.
און ס׳דאכט זיך, די שול, די אונגענער, זי שטייט איצט אין ארץ ישראל,
און ס׳דרשנט דאָרט תורה א חכם, א תנא פון אלטן אמאָל.

דער שמש, ר׳ בייקל, אין דער „נייער שול״ איז ניט אָפּגעהיט—
און דאָ עפּעס דרייט ער ארום זיך מיט יראה און שטילערע טריט.
און שפּעט, ווען די שול איז אין חושך פארוויקלט אין שטילע ביינאכטן,
און מ׳גייט דאָ פארביי, הייבט זיך אָן אזוי אומרואיק חלומען, דאכטן,
אז פול איז די שול מיט נשמות, וואָס דאווענען, און ארום דאָ זיי שוועבן,
און מ׳לויפט דאָ געשווינד און דערשראָקן גיך דורך צו רעטן דאָס לעבן...
און ס׳זעען די פענצטער דאָ אויס אזוי ערנסט און גרוילעך און מאט,
„די אלטע שול״ דאָרט אין דעם שטעטל אונגען, דער „מקדש מעט״.

## כד

# שמחות

ס'איז אָרעם די שטוב, נאָר ס'זינגט דאָ אין איטלעכן ווינקל די פרייד,
א ליילעך ס'הענגט, א מחיצה, מ'האָט מוטער און קינדער צעשיידט.
און קינדער זיי ליובן אין הארצן די מאמע, די קימפּעטאָרין,
א ברודערל איז זיי מיט מזל די טעג ערשט געבוירן געוואָרן.
און שטיל איז די שמחה, מ'טאָר איצט ניט רוישן, די מאמע איז שוואַך,
און יענטע די בובע טראָגט שיסלען מיט וואסער און טוט יעדע זאך...
און „שיר המעלותן" הענגען אויף ליילעך, ווי הייליקע לוחות,
און באַהיט איז דאָס קינד שוין פון אלע עין־הרעס און שדים און רוחות.

און היימישע ווייבער, און קרובים און שכנות זיי קומען אריין,
גיבן־אָפּ דער געווינערין „מזל־טוב", און ברענגען אויך לעקעך און ווין.
דער קימפּעטאָרינס שוועסטער מיט מיצל און פאַרטעך זי
דרייט זיך ארום,
און ראַמט־אויף, און קאָכט דאָ און באַקט אַזוי שטיל, און פאַרחלומט
און פרום.
פריער געקנאָטן זי האָט דאָ די אלערליי לעקעכער, טאָרטן,
און שיינינקע טאָרטעלעך קונציק געפלאָכטן פון אלערליי סאָרטן.
איצט שטייט זי צעהיצט דאָ ביים אויוון און טראכט פון דעם יום־טוב,
דעם שיינעם:
באלד קומען דער רבי און די יינגלעך פון חדר דאָ „קריאת שמע"
צו לייענען.

פאַרנאכט־צו, די חדר־בחורימלעך קומען אריין מיטן רבין,
און גלאָצן מיט אייגלעך פאַרגאַפטע, ווי ס'וואָלטן מלאכים דאָ שוועבן.
מ'שטייט אין געווינערינס חדר, און פלוצים—א זעץ אויפן קול:
„גוטנאָוונט, מזל־טוב! אל מלך נאמן שמע ישראל!"
עס שמייכלט דער רבי, די „פּיצלעך" זיי גייען אויף יידישע וועגן:

„ואהבת... האָב ליב דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרץ און פאַרמעגן."
דער צימער איז פול איצט מיט קינדערשן חן און מיט צערטלעכע
קלאַנגען,
זיי שפּרייטן אין לופט זיך ווי זיסע ניגונים און יום-טוב געזאַנגען.

פון הינטערן ליילעך עס קושט דאָ די מוטער איר זון מיט געוויין,
דאָ הערט זיך פון קינדער ביים סוף פון די תפילות דער וואונטש
פון „אמן."
די בובע מיט טאָרטלעך אין פאַרטעך די קינדער האָט איבערגעציילט,
זי שטייט איצט ביי אָפענער טיר און קינדערלעך טאָרטלעך זי טיילט.
דער רבי פאַרהאַלט זיך אַ רגע, דער פּאָטער האָט אונטערגעטראָגן
לעקעך און בראָנפן אַ „כיבוד", אַ וואונטש דער יולדת צו זאָגן.
און ס'זיינען דער רבי און קינדער צום וואַכיקן דרויסן אוועק,
און געלאָזט דאָ אַ הימלשע ריינקייט, די שמחה איז גאָר אָן אַ ברעג.

און נאָך דעם, ס'קומט דער געהייליקטער טאָג פון ברית-מילה שוין אָן,
איז מען אין גרויען פרימאָרגן שוין וואך און מ'ציילט שוין די שעהן.
היינט איז דער טאָג פון דעם יום-טוב, דעם שיינעם, פון שירה ורינה,
מ'ברענגט היינט אריין דאָ דעם זון אין „ברית" פון אברהם אבינו.
שפּאַנען אין ליכטיקן טאָג איצט, פון מסחר און אַרבעט געשיידט,
רואיקע יידן, צעשמייכלט, אין יום-טוב-מלבושים געקליידט.
אין שטוב שטייען טישן געגרייטע, מיט טייערע מאכלים און וויינען—
ס'וואוינען דאָ אָרעמע יידן, נאָר איצטער נגידים זיי זיינען...

מ'האָט שוין דאָס יינגל געיידישט און מזל-טוב ס'האָט שוין געהערט זיך,
מ'עסט די געשמאַקע מאכלים, און משקה אַ ביסל באַגערט זיך...
און דאָ שטייט-אויף משה דער חזן און קוגל ער האַלט אין דער לופט,
און הייבט-אָן פאַרציען אַ ניגון און אַלעמען זינגען ער רופט:
„קוגל הייסטו, אין אויוון שטייסטו, און וואו מ'רופט דיך גייסטו",
און מונטערט דעם עולם מיט ליכטיקן שמייכל, און ס'זינגען די דרייסטע;
און באַלד שוין ביי אַלע דריי טישן מ'האָט מיט נשמות דערהויבן,

געזונגען מיט ברומיקע קולות אַז ס׳האָבן געקלונגען די שויבן.
און כּייקל דער סטאָליער מיט דער שניי־ווייסער באָרד און די „בייגלשע" פּיס,
ער האָט זיך צעהוליעט, איז אַרויפגעשפּרונגען דאָ גלייך אויפן טיש.
„העי, נעמט אַרונטער די טישטעכער, טעלער, די גאָפּלען, דאָס עסן!"
אַז כּייקל נעמט הוליען, איז קען ער אַפילו אין גאָט זיך פאַרגעסן.
דער עולם איז פריילעך, און זינגט, און מ׳פּאַטשט מיט די הענט און מ׳קוועלט,
און כּייקל צעקאָכט זיך און שפּרינגט, און ער הוליעט און ברענט דאָ אַ וועלט.
„זינגט העכער!"—שרייט יאָסל דער בעקער—און פירט די צעפּלאָמטע קאַפּעליע.
„העי, שפּרינג ניט—שרייט דער שוסטער אַבראַשאַ—׳סט, חלילה, צעקלאַפּן די סטעליע!"

אַ פּאָר שווין פאַרשנאַשקעט...מ׳זינגט בגילופין אַלץ העכער און העכער:
„שבע־נו מטוב־ך, ושמך נפשנו בישועת־ך . . ."
און מ׳רעדט און מ׳רוישט און מ׳הוליעט, און ווידער מ׳גיסט אָן די גלעזער,
און מ׳ווינטשט זיך „לחיים" און מ׳קושט זיך אויף ליפּן, אויף באַקן, אויף נעזער . . .
„קימפּעשאָרין!—שרייט זעליג סטאָליער פאַרטרונקען—דו קום נאָר אַהער!
פאַר דיר און דיין יאַנקל איך טרינק איצטער נאָך איין „לחיים", ניט מער . . ."
ער קושט די יולדת און ווינטשט, אַז דער בחור זאָל וואַקסן אַ רבֿ,
און דער עולם זינגט „ברוך אלוהינו" און מ׳קושט זיך און מ׳רוישט אָן אַ סוף.

• • • •

ס׳רוישט דאָ ביי יאנקל פּרוכטאָווּשטשיק די פרייד שוין
א היפּש שטיקל צייט,
מ׳האָט יאָרן געגאַרט פונעם זון פונעם עלטסטן צו מאכן א לייט.
א קעפּל א גאָלדנס, ער שטאָפּט זיך מיט תורה און איז דורשטיק נאָך מער,
און יאנקל שיקט זילבערנע קערבלעך צום רבין און האָרעוועט שווער.
און איצט ווערט שוין חיים בר־מצוה און לערנט א דרשה פון רבין,
דער רב האָט שוין דריי מאָל פאַרהערט אים און ווינטשט אים
דאָס אייביקע לעבן.
ס׳קנאקט אזוי בריהש זיין צינגל—נאָר צו לויפן אים הערן אויף חידוש!
ער׳ט האלטן א רעדע אין העברייאיש, און נאָך דעם דאָס אייגענע
אין יידיש.

און שבת דער בחור געזאָגט האָט א מפטיר, די שול האָט געקלונגען;
א „עברי", א טראָפּ, א מתיקות, האָט זים ווי א חזן געזונגען.
ער שטייט זיך געהויבן ביים שולחן, אין הימלשע הויכן פאַרפלויגן,
און ווייבער זיי ווערן צעגאַנגען פון נחת און ווישן די אויגן:
א ייד צוגעקומען, ער נעמט אויף די פּלייצעס די יאָכן פון תורה,
און ווי ביים באַרג סיני ער נעמט אָן די מצוות מיט שמחה און יראה.
און דורך די פענצטער פון ווייבערשער שול טריפן מאמעשע טרערן:
ערשט איצט, נאָכן „ברוך שפּטרני", גאָט ווייס וואָס פון בחור
וועט ווערן...

אויף מאָרגן ס׳שטייען שוין טישן געשפּרייטע ביי יאנקלען אין הויז,
און ס׳שיינען די ליכטיקע פרײידן פון איטלעכן ווינקל אַרויס.
אויסגעפּוצט זיצט זיך דער עולם, ס׳איז יום־טובדיק, פריילעך ביים טיש,
מ׳שטעלט פּאַטעלזשאַנעס, און פּעפּערס, מאסלינעס . . .
מ׳שטעלט שוין די פיש.
צווישן באלעבאטים עס דרייט זיך דער יונגער בר־מצוה אין קאָן,
דער רב מיטן בלאָנדן און לענגלעכן בערדל, ער זיצט אויבן־אָן.

עס שטייט-אויף דער רב, הרב פישמאן, און מאכט שטיל „המוציא"
פאר אלע,
און מ׳גיסט שוין דעם ווין אין די גלעזער, און מ׳עסט שוין די פיש
און די חלה.

דער עולם איז רויִק און פריילעך, נאָר ס׳הערשט דרך-ארץ ארום,
ס׳זיצט הרב פישמאן דאָך אויבן, א בעל-תורה און איידל און פרום.
הוליעט מען ניט און מ׳שפּרינגט ניט, מ׳ווערטלט זיך נאָר און מ׳לאכט,
און דער יינגל, ער חזרט אין קעפּל די דרשה, פארחלומט, פארטראכט...
„רויִק, נאָר רויִק"—עס שושקעט דער טאטע אין אויער אים אריין,
און מ׳רוישט מיט „לחיים", מיט ברכות, און מ׳הייבט אלץ
די גלעזער מיט ווין.
פלוצים שטייט-אויף הרב פישמאן, ער זאָגט א פּאָר טיפערע ווערטער,
און ס׳גלאָצן שוין אויגן מיט נייגיר, און מ׳זיצט שוין פארשטילט
אויף די ערטער.

אויף פּרשיות פיר פון די תפלין א פּירוש דער בחור נעמט מאכן:
„שמע, והיה אם שמוע, קדש, והיה כי יביאך".
ער וויקלט און וויקלט, און בינדט ווי אין רינגען געדאנק מיט געדאנק,
און ס׳שיינען די אויגן און ס׳ציטערט זיין קול, און די דרשה איז לאנג.
און רעדט, און אלץ ווייטער צעוואַרעמטער ווערט ער, ער האלט
ביי „קדש":
„עס איז ניט דער ייד נאָר א בשר ודם, נאָר פון בלוט און פון פלייש;
„ותחסרהו מעט מאלוהים"—ס׳איז דער מענטש זייער נאָענט צו גאָט,
און האָט א נשמה, און הייליק ער איז און דארף וויסן זיין אָרט.

און ס׳ענדיקט דער בחור—ער האָט שוין געזאָגט אין העברעאיש,
אין יידיש—
א רגע מ׳איז שטיל, ווי פארגליווערט, און מ׳קוקט אלץ פארגאפט
און פארחידושט.

און פּלוצים—מ׳פּאַטשט אַזוי הילכיק, ס׳ווערט אַ גערויש, אַ געטומל,
און ס׳שטייט נאָך דער יינגל פאַרטראַגן, איז נאָר וואָס געקומען
פון הימל.
און טאַטע און מאַמע, און זיידע און באָבע, אַ רגע ווי שטום,
און נאָך דעם דאָס יינגל, דעם שטאָלצן בר־מצוה, זיי רינגלען ארום;
און קושן און האלדזען, די באָבע און מאַמע זיי ווישן די טרערן,
און ס׳ווינטשט אים דער זיידע, דער זקן, ער זאָל נאָך אַ רב אמאָל ווערן.

און פּלוצים פאַרשווינדט ער, דער שטילינקער בחור, דער
לומדישער קאָפּ—
אין הינטערשטן צימער ער ציילט די מתנות, ער שאַצט זיי דאָרט אָפּ...
ער ווייזט זיי חברים, באַטראַכט די מתנות מיט פרייד אָן אַ שיעור—
און זעט ניט די מוטער מיט האַרציקע בליקן, וואָס שטייט ביי דער טיר.
זי קוועלט ווי ער פרייט זיך און קושט אים אין האַרצן און גיט אים
אַ ברכה:
„מיין זון, אָ מיין גאָלדענער אוצר, איך ווינטש דיר געזונט און הצלחה,
און וואַקס־אויס אַ ייד אַ געטרייער, דיין מזל זאָל שיינען און בליען,
און זאָלסט נאָך דערלעבן די גאולה און אַרויפגיין מיט מזל קיין ציון.״

• • • •

און חתונות שיינע, זיי ברענגען אין שטעטל נאָך טיפערע פריידן,
דאָס שטעטל לעבט־אויף און פאַרגעסט אַלע יידישע צרות און ליידן.
אָט הערט זיך דאָס שפּילן פון קלעזמער פון לעדערמאַנס שיינעם
מאַגעזאָן*)
און ס׳פאָרן די עלטערן צו מיט דער כלה מיט אַ פאַיעטאָן.
דער חתן און די מחותנים און געסט, און אַלע זיינען שוין דאָ.
מ׳קען שוין באַלד שטעלן די חופּה, אין אַ גוטער און גליקלעכער שעה.
אָט האָט מען די כשרע כלה „באַזעצט״ מיטן קאָפּ פרום געבויגן,
דער חתן ער דעקט אָפּ דעם שלייער, דערזעט אירע ליכטיקע אויגן.

*) אַ גרויסע הילצערנע געביידע, וואו מ׳פּראַוועט חתונות און אַנדערע שמחות.

אַט שטייט שוין דער חתן פון אונטער דער חופּה פארחלומט, פארשוויגן,
און עלטערן קוקן און ס׳זינגט דאָרט אין פריילעכן הארצן א ניגון.
אַט פירט מען די כלה מיט ליכט און זי שפּאנט אזוי שטיל, אזוי פרום,
און זיבן מאָל אונטער דער חופּה ארום חתן מ׳דרייט זיך ארום.
זי שטייט קעגן חתן און דורכן שלייער זעט אוים אזוי מאַט,
דער רב זאָגט די ברכות, ער לייענט די כתובה, און דאָ—„הרי את״...
און דער חתן צעברעכט אויפן דיל דאָ דאָס גלעזל—א רגע פון לייד—
און ס׳שפּילן די קלעזמער „חתן, כלה, מזל טוב!״—א שמחה, א פרייד!

ערשט איצט טוט אזוי ווי א לאווע א שפּאר פון די הערצער די פרייד,
מ׳קושט זיך, מ׳טומלט, מ׳שפּרינגט שוין אין „ראָד״, אזש דער קאָפּ
זיך פארדרייט.
עס האָבן געעפנט זיך מעכטיקע קוואלן פון שמחה וששון,
און פול איז דאָס גליק איצט, מ׳האָט פלאמיקע וואונטשן פאר כלה
און חתן.
אוי, וויפל בלוט מ׳האָט פארגאָסן און אָן א שיעור ביטערע טרערן,
ביז מ׳האָט דערלעבט שוין די גליקלעכע שעה שווער און שוויגער
צו ווערן.
טאַנצט מען, מ׳קוועלט מיט א לויב צו דעם בורא, צום מעכטיקן גאָט,
און מ׳ווייסט ניט דעם הארציקן דאנק ווי צו זאָגן פאר זיין גוטס
און גענאָד.

און פול איז מיט געסט און מחותנים דער זאָל און ס׳איז שטיקנדיק, ענג,
דאָ הארט ביי די ווענט מיט די פארביקע טעפּעכער מ׳שטייט
אויף די בענק.
מ׳קוקט אויף דער כלה, דער שיינער, מיטן לענגלעכן „שלעפּ״,
מיט איר חן,
ווי זי שיינט און זי טאנצט מיטן חתן אזוי תמימותדיק, ערלעך און ריין.
און ס׳שטייען ביי זייטן אויך וואַכיק-געקליידעטע יוגנט און ווייבער,

מ׳קוקט מיט צעפּראַלעטע אויגן און מ׳זאַפּט־איין די פרייד
אין די לייבער.
לעבן דער טיר, ביי די קלעזמער, שטייען קינדער צעפלאַמטע פון גאַס,
זיי שטאַרן מיט וואונדער אויף פליט און טרומייט און אויף ריזיקן באַס.

און ס׳פלאַטערן הערצער, מ׳טאַנצט מיט גדולה, מ׳איז פריילעך און וואך,
און מ׳פילט ניט ווי ס׳פליען די שעהן, ס׳איז איבער די גליקלעכע נאַכט.
ס׳איז בלויער פאַרטאָג און ס׳הערט זיך אין שלאָף, אין האַלב־וואַכן,
מוזיק,
עס גייען ערשט דאָרט מחותנים פון זאַל אויסגעמאַטערט צוריק.
מ׳פירט דאָ מיט שמחה דאָס נייע פּאָר פאָלק צו דער וואוינונג פון כלה,
און דאָ ביי דער דירה מ׳מאַכט ערשט א „ראָד” און עס טאַנצן דאָ אַלע.
„נו, מזל און ברכה!”, מ׳צעגייט זיך צעפריילעכט, אין די יום־טוב־
קליידער—
לבנות בית בישראל...דאָס פּאָר פאָלק איז אריין אין א באַזונדערן חדר.

## כה

# יידישע גבורה

ס׳האָבן דאָך יידן אין הונדערטער שטעטלעך געוואוינט,
און קיינעם פון זיי האָט דער שונא, דער ברוט, ניט געשוינט.
עס הערשט דאָ די מאכט פון דעם רום און פון דעם מאָלדאוואן,
און קלוג איז דער ייד—נאָר ער לעבט דאָ ווי אויף א וואולקאן.
אָט היינט קען ער אויפבויען וועלטן אין זוניקער שיין,
און מאָרגן... אָ, מאָרגן... נאָר גאָט ווייס וואָס מאָרגן וועט זיין...
און שטענדיק פאַרהאָוועט, און קוים נאָר א ברעקל גענאָסן—
א שטורעם... פארמעגן און לעבן איז ווערט שוין א גראָשן...

פאראן אָבער יידן אין היינטיקער וועלט, די געניטע,
וואָס זאָגן, א מענטש דאַרף ניט גיין ווי א קאַלב צו דער שחיטה.
די יונגען מיט ביינער און פויסטן און געהויבענע קעפּ,
זיי שרעקן זיך ניט פאר קיין האמערס און אייזנס און קלעפּ.
זיי לויפן ניט בעטן און וויינען און קלאָגן אין שול—
א שלעפּ די טשופרינע, און ס׳שרייט דער באנדיט „קאראַאול״!
זיי צאָלן דעם שונא מיט מידה כנגד מידה,
זיי זעצן מיט אייזנס, אז דער שונא מוז אָפּזאָגן וידוי...

ס׳איז טיף דאָ פאַרוואָרצלט די שנאה פון קליינערהייט אָן,
דערזעט מען א פּנים א יידיש, באלד צינדט מען זיך אָן.
פאַרבלאָנדזשעט א ייִנגל א יידיש, איז אומשולדיג-ריין,
דאָרט לעבן דער פּאָסט, ביי די גויים—אָט פליט שוין א שטיין.
צעלאכן זיך שקצימלעך פריילעך, מיט שנאה א ים:
„זשיד פּאַרכאטי, נאָם גאָרבאַטי״, מיט סם . . .
און טרעפט מען אמאָל מיט א שטיין צי אין קאָפּ, צי אין פּוס,
רוישט מען מיט שפּאָט און מ׳לאכט פון דעם יידן, דעם טרוס״.*)

*) טרוס—א ציטעריקער, א פּחדן.

און איין מאָל א זונטיק, ס'א מארק־טאָג אין שטעטל אונגען,
ביי וועלוול לעדערמאַן אין קראָם שטייען קונים א צען.
צו קונים ר' וועלוול ער רעדט אזוי שיין, צוקער־זיס,
ס'שטייט דאָ אויך לייבל פריקאזטשיק, א בחור—א ריז.
און דאָ ביי זיין מאנופאקטור שטייט א פויער און קוועלט—
א שפּיי, און ער לאָזט זיך צום דרויסן און זידלט און שעלט.
„צום טייוול, די מיאוסער זשידאָן*), דו אזוי און אזוי . . .
מ'דארף אויסקוילן אייך . . . זשידאָן א דראַקולוי! . . .**)

און לייבל איז הויך און דאָס פּנים איז חנעוודיק, פּרעכטיק;
איז דין, און באלאָדן מיט אייזערנע כוחות, איז מעכטיק.
איז ווייך, אז ס'שיינט אים דאָס גוטסקייט ארויס פון די אויגן;
העלפן, א טובה א מענטשן—איז היידא, געפלויגן!
איז גוטמוטיק, ליב, צו ווערן אין כעס איז אים שווערלעך—
נאָר צינדט ער זיך אָן, איז זיין צאָרן אן אומגליק, געפערלעך.
צעשלאָגן קען לייבל, ווי יידן אין שטעטל דאָ מיינען,
א דאָרף פול מיט גויים, אפילו ניט לאָזן זיי ווייגען...

אז לייבל דערהערט א פינצטערער זשלאָב שעלט די יידן,
האָט א הייליקער צאָרן גענומען אין הארצן דאָרט זידן.
„פארניכטן מיין פאָלק ווייל דער פרייז דיר, דו גוי, ניט געפעלט?
דו ממזר! דו אויסוואורף! א בראָך אין דיין טייוולשער וועלט! . . ."
און כאפּט א צעקאַכטער דעם פויער מיט איין האנט ביים נאקן,
און גיט אים א וואָרף צו דעם גאניק, די ביינער אזש קנאקן.
קוקט מען דערשטוינטע—און רונד איז דער גוי ווי א פאס—
נעמט לייבל און וואָרפט אים אריין אין דער בלאָטע אין גאס.

---

*) זשידאָן—זשיד.
**) זשידאָן א דראַקולוי—טייוולשער ייד.

שרייט שוין דער גוי: „קאראאול!"—ס'א מורא, א שרעק,
און ס'הודזשען די קולות אין שטעטל פון עק ביזן עק.
לויפן די פויערן צונויף זיך אויף ווילדן געשריי,
העלפן א ברודער א ליבן, אין זיין בראָך, אין זיין וויי.
שטייען שוין צענדליקער שונאים מיט רוצחישן בליק,
און לייבל ער שטייט שוין באוואָפנט אויפן גאניק צוריק.
ער כאפט איצט די רוסישע פאָן מיטן לאנגגען שטאנג,
און וואָרנט: „ווער ס'גייט צו דאָ נאָענט, דער פאלט ווי א זאנג!"

גיבן א לאָז זיך א צוויי צענדליק פויערן, כאמען,
ווילן דעם יידישן בחור ארומרינגלען, צאמען.
הייבט ער די פאָן, מיטן שטאנג נעמט ער הרגענען, קנאלן,
און מ'ליגט שוין צעבלוטיקט אין בלאָטע, אין אוממאכט געפאלן.
דאָ כאפן אים אייזערנע זשלאָבעס ארום ביי די הענט,
נו, ווארפט ער אוועק איצט דעם שטאנג, און ער נהרגט און ברענט!...
שטייט מען פארגליווערט... און ווידער איז לייב אויפן גאניק.
און כאמען צעגייען זיך ברומענדיק גראָב אין א פאניק...

• • • •

און ווען נאָר דער שונא באווייזט דאָ די נעגל און ציינער,
האָט א פייער א העליש צעברענט זיך אין יידישע ביינער.
האָט איינגעצוימט נאָר זיך די יוכע, געשטילט זיך דער צאָרן,
איז שוין מאָלדאוואן מיטן ייד „גוטער ברודער" געוואָרן.
געשטאנען ניט איין מאָל א גוי לעבן מאָטיע דעם שמיד,
געקוקט ווי ער זעצט אויף קאָוואדלע, דער אייזערנער ייד;
באוואונדערט זיין כוח, ווי פונקען עס זיינען געפלויגן
דאָ פון צערויטלטן אייזן, ווי פון זיינע אויגן.

יאָ, כוח וגבורה פון גאָט איז א שיינע מתנה—
און מאָטיע איז הויך און איז מעכטיק און גלייך ווי א סטרונע.

די מוסקולן שטייפע ביי אים, ווי די אייזערנע שרויפן,
דאָס פּנים פאַרגאָסן מיט בלוט און די אייגעלעך לויפן.
און אָפּטער דאָ אין דער קאָוואַלניע שטייט פּעטיאַ דער גיבור,
די גויים פאַר פּעטיאַן זיי ציטערן אזש, ווי אין פיבער.
און פּעטיאַ פאַרגינט ניט די ריזיקע כּוחות דעם ייד,
און שמייכלט אים צו, און אין האַרצן די שׂנאה ער היט.

און אָפּט האָבן גרויליקע נייעסן ווינטן פאַרטראָגן,
אין אייניקע שטעטלעך מ׳האָט יידן געהרגעט, געשלאָגן.
און אין די פּאָגראָמען, צווישן די אומשולדיק־ריינע,
געפאַלן עס זיינען אויך לויטערע קינדערלעך, קליינע.
נו, לויפן שוין יידעלעך רחמים אין שול אַריין בעטן,
עס זאָל זיי פון שונא דער אייבערשטער שיינען און רעטן.
און דאָ האָט מען מאָטיע דעם קאָוואַל געהיים אין דער נאַכט
גאָר שטיל און דערשראָקן אַ ווייסטע בשורה געבראַכט.

פּעטיאַ, ער גרייט־צו אַ דרייסיק ערלים בסוד,
מ׳וועט זיך באַגינען צונויפזאַמלען הינטער דער באָד.
פון דאָרטן מ׳וועט זיך אַ לאָז טאָן און אויסזעצן שויבן,
דערשרעקן דאָס שטעטל, און נאָכדעם—מ׳ט הרגענען, רויבן.
האָט מאָטיע געשוויגן, און יידן אַ וואָרט ניט געזאָגט,
נאָר אין האַרץ האָבן ווייטיקן טיפע געריסן, געפּלאָגט.
די אויגן זיי שפּריצן מיט פייער, און פרעגן און שטאַרצן:
„פאַרוואָס? אָ, פאַרוואָס?...אָ, ווי האָט מען קיין גאָט ניט אין האַרצן?...״

פאַרטאָג האָט מען הינטער דער שטאָט שוין אַ סעודה געפּראַוועט,
און בראָנפן געזויפט און אין האַרץ די רציחה געכאָוועט.
גויים, זיי וואַרטן אויף פּעטיאַן, דעם ריזיקן פויער,
און מאָטיע, ער שטייט ביי דער באָד און באַהאַלט זיך אין טויער.
„הוראַ, אונדזער פּעטיאַ!״ פון ווייטן דעם העלד מ׳האָט דערזען,

נאָר פּלוצים—געוואלד, ס׳איז דאָ מוראדיקס עפּעס געשען:
אַ, פּעטיאַן—וואָס טראָגט מיט זיך האמערס און אייזנס און שטריק—
האָט מאָטיע דערלאנגט איבער קאָפּ מיט אן אייזן א שטיק . . .

„אַ, מאָטקא קאָוואל! . . .״—גענומען מ׳האָט שרייען און ברומען—
און ס׳האָט זיך „הראָמאדע״ א לאָז געטאָן נעמען נקמה.
נאָר מאָטיע, ער הייבט דאָרט דאָס אייזן, איז גאָרניט פאַרלאָרן,
ווי ער וואָלט צו העלדישע מעשים געבאָרן געוואָרן.
ער שפּאַנט גלייך אנטקעגן די קריגער, אָן טומל, אָן שרעק,
מיט אייזן א זעץ אויפן קאָפּ און מ׳פאלט באלד אוועק.
און ס׳הייבט זיך דאָס אייזן מיט שטורעם אויף לינקס און אויף רעכטס,
און מ׳שרייט „קאראאול! האָב רחמנות!״ מיט גענויין און געקרעכץ.

האָבן געוואלגערט אין בלוט זיך שוין עטלעכע כאמען,
און ס׳האָבן גענומען די אנדערע גיכער שוין שפּאַנען . . .
און מאָטיע מיט אייזן געהויבן גאָר הויך, ווי א פאָן,
ער רופט זיי: „העי, רוצחים, וואָס האָט אייך פארגלוסט זיך צו טאָן?
וואָס שפּאַנט איר אוועק, איר׳ט מורא ס׳וועט אייך פארשאדטן?
בולוואַנעס, א רוח אין אייער טייוולשע מאמען און טאטן! . . .״
און די כוליגאַנעס, זיי גייען אָפּ ברומענדיק, מאטע,
די אנדערע קרעכצן און וואָרטשען דאָרט טיף אין דער בלאָטע.

נאָר יידישע גבורה זי קומט ניט פון דורשטן נאָך בלוט,
עס לעבט ניט דער ייד מיט קיין פויסטן און אייזנס און קנוט.
טיף אין זיין הארצן זינגט־אוים יעדער ייד מיט געפיל
פאר יעדן טאָג לעבן א דאנק און א לויב אין דער שטיל.
זיין האנט איז א פלאכע, פארשפּרייט הויך צום הימל אנטקעגן,
ער שפּאַנט ניט מיט פויסטן און אייזנס און העק איבער וועגן.
יידישע העלדן פון היינט, ווי פון עבר פון אלטן,
זיי ווילן נאָר לעבן, און זוכן דאָס פאָלק צו דערהאלטן . . .

אויך דאָ אין אונגען האָט דאָס פאָלק גאָר אַן אנדער שליחות,
ווייל הייליק און טייער מ׳האלט דאָ דעם יידישן יחוס.
ס׳איז ענג אין דער נידער, איז קוקט מען צו הימלען גערוימע,
און מ׳טובלט אין ליכט און אין זויבער דאָס לייב, די נשמה.
ס׳האָבן אזוי פיל געליטן די זיידעס פון שאנד,
ס׳האָט שטענדיק געהאקט און געזעצט דאָ פון עשיו די האנט.
נו, ברענען אין הארצן די „יאָרצייטן", שטילע מנורות,
און מ׳איז ענגער פארבונדן מיט גאָט און פארגאנגענע דורות . . .

מ׳הערט נאָר, עס קלייבט זיך שוין צו דער רציחה דער שונא,
ווייסט מען די יובע ווערט קיינעם, אָ, קיינעם ניט שוינען.
ווערט הייליקער צאָרן אין שטעטל פון ווייען געשמידט,
און ס׳גייען דאָ יונגען מיט ביינער באשיצן דעם ייד.
זיי גייען דאָ שטאָלצע, דערהויבן, מ׳קען זיי ניט צאמען,
און ס׳שטורעמען כוחות צעהיצטע, אז ס׳זעצן אזש פלאמען.
און סענדער הערש קצבס, און לייבל און נוח דער רויטער,
זיי שווערן: „מיר נעמען נקמה, אָדער פאלן דאָ טויטע!"

און נאָך דעם, מ׳טרעפט דאָ פון הינטערן שטעטל דעם שונא,
וואָס פאָרט פון די נאָענטע דערפער דעם ייד ניט צו שוינען . . .
זיי פירן אין פורלעך די העק און די אייזנס, די שקצים,
און ווערן באפאלן פון יידישע יונגען גאָר פלוצים.
און ווערן צעהרגעט, צעבלוטיקט, מ׳שרייט „קאראאול! אָ, יעסוס!"
און מ׳פאָרט באלד צוריק, אָבער אָן דעם פאָגראָמען-געגנוס . . .
אָ, יידישע יונגען . . . אָט נאָר ווי מלאכים פון אויבן,
זיי האָבן באשיצט דאָ דאָס פאָלק פון הריגה און רויבן.

כו

# רעוואָלוציע

אוי, וויפל בלוט, וויפל יידיש עס האָט זיך געגאָסן דורך דורות,
און ס'איז ניט געלונגען דעם כאם צו פארלענדן די אומה דעם בוראס.
מ'האָט דורך דורות געטאָן אלץ דאָס הארץ פונעם רוס צו פארסמען,
און איינגעזאפט דאָ האָט די רוסישע ערד יידיש בלוט גאנצע ימען.
געשלאָגן, געטריבן, און אלע מאָל נייע און בייזע גזירות,
פאראומערט, פארפינצטערט דאָס יידישע לעבן, פארמשפט אויף כרת.
און מ'לויפט אין די שולן זיך רעטן, און מ'גייט צו דעם פריץ זיך בעטן—
און ס'ברעכט אויס די ערשטע מלחמה, און ס'ליגט ביי דער גרעניץ
דאָס שטעטל.

אָט קומט ראש השנה, די גרויסע און פאָרכטיקע טעג ביי די יידן,
ביינאכט נאָך די תפילות, מ'ליגט נאָך אין בעט מיטן קערפער דעם מידן.
און דאָ פאָליציי איז באפאלן די היימען מיט קאלטן געווער,
און רייסן ארויס פערציק יידן פון שטאָט, מיטן שוחט איציק-מאיר.
א גרויליקן חוזק עס האָבן געמאכט איצט די שדים, די רויבער,
א בלבול, מיט שקר וכזב, ווייל ריין זיינען יידן און זויבער.
נישטאָ גאָר קיין גאָט ביי דעם שונא און מ'האָט ניט אין הארצן
קיין שאנד,
און מ'טראכט אויס א תירוץ: „איר פעקלט, איר פירט קאָנטראבאנד!...״

און מ'וואָרצלט אויס יידן פון היימען און מ'שיקט אין מרחקים אוועק,
דאָס קלאָגן פון מוטערס און קינדער איז גאָר אָן א סוף, אָן א ברעג.
און ס'העלפט ניט פון פרויען קיין טרערן, קיין קניען און בעטן אָן שיעור,
ס'רירט זיך קיין הארץ ניט, נאָר פנימער הארטע און פארהאקט
ווערט די טיר.
און פערציק משפחות עס זיינען געבליבן אָן טאטעס, אָן היימען,

און וואָכן, חדשים ס'הערט זיך אין שטיבער פון קינדער געוויינען.
„אָ, מאמע, אָ וואו איז מיין טאטע?"—די קינדער זיי קלאָגן און פרעגן—
און „סיסטשיקעס" דרייען זיך אום דאָ אויף אלע באהאלטענע וועגן.

דאָ ביי דער גרעניץ די סיסטשיקעס צושטעלן ארבעט זיי דארפן,
איז גרינג געווען קעגן די יידן, די שוואכע, די מעסערס צו שארפן . . .
און ס'שפאנט זיך מיט שפיציקע וואָנצעס ארום דאָ אין שטעטל
א „יחוס"—
וויינבערג, ער שמעקט אלץ ביי יידן מיט אנדערע שדים און רוחות...
און פלוצים—אָ, רעוואָלוציע! . . . א פלאם ביז די הימלען, די בלויע:
און ס'יאָגן רשעים ווי מייז, אין די לעכער, די טונקעלע, גרויע.
און ס'ווארפן אראָפּ פון זיך רויבער, מלוכה-לייט, די עפּאָלעטן,
אנטלויפן אין פינצטערע וועלדער, אין היילן, און ווילן זיך רעטן.

און ס'קאָכט זיך געוואלדיק אין שטאָט, צו דער פּאָסט איז א מאסן-געלאָף,
פון ווייטן די נייעס דער עולם נעמט-אויף דאָרט פון דעם טעלעגראַף.
און באלד שוין עס לאָזן אראָפּ דאָ די קעפּ די צעפּוצטע און זאטע,
און ס'שרייען הורא, און עס טאנצן און הוליען געפּלאָגטע און מאטע.
און ווי גאָר בסוד, דורך כישוף, און גאָרניט געטענהט, געטראכט,
עס פילט זיך דער עושר באזיגט, און דער ארבעטער פילט זיך אין מאכט.
„העי, חברה, מיר גייען צו וויינבערג דעם סישטשיק!"—
מ'הערט א געשריי.
און לאָמיר געפינען דעם אויסוואורף, ס'ט זיין שוין אז אָך אים און וויי!"

און א כאפּטע א גאנצע פון קרעפּטיקע יונגען עס לאָזט זיך אוועק,
און מ'געפינט אין זיין הויף, אין א ווינקל, דעם סיסטשיק פארשטעקט;
און מ'באשמירט אים דאָס פנים מיט בלאָטע, זיין איידעלע הויט,
די הוט מ'באשטעקט אים מיט דערנער און פעדערן פולע מיט קויט.
פון אויבן אן אויפשריפט: „א מסור בין איך און בין גאָרניט קיין ייד,
נאָר א רוצח, א גזלן, אן אויסוואורף, איך בין א באנדיט."

און מ׳פירט אים אין גאס מיט געוואלדן, מיט שפּאָט און זלזולים באגלייט,
און ס׳גייען אים נאָך מיט געלעכטער און שפּאָטן דאָ קינד און קייט.

דער חשובער פירער, דאָס איז שלום וואקסמאנס צו־לאנגער
פריקאזשטשיק,
אָט בלייבט ער איצט שטיין מיט דער לאנגער פּראָצעסיע,
מיט וויינבערג דעם סישטשיק.
ער ווארפט מיט די הענט און ער האלט איצט א רעדע פון טיפער נשמה,
און וואָרנט די שונאים, אז איצט איז געקומען די צייט פון נקמה.
פריי איז געוואָרן דאָס אָרעמע פאָלק שוין, און גליקלעך, דערהויבן,
מ׳וועט איצט די ביטערע שונאים פון פאָלק שוין צערייבן, צעשטויבן.
און ער שרייט און ער שעלט און שפּייט אָן דעם אויסוואורף
אין פּנים אריין,
און מ׳פירט אָפּ דעם סישטשיק אין תפיסה און מ׳ווארפט אין א צעל
אים אריין.

און נאָך דעם מ׳רעדט שוין אין שטאָט פון א קהילה א שיינער, א פעסטער,
ס׳איז מער ניט דער סקלאד־אייגנטימער דער מנהיג דער שענסטער,
דער בעסטער.
דער רב מיטן ליכטיקן פּנים און שמייכל, מיט דער טונקעלער באָרד,
רעבעלסקי דער רב, עס האָט פלוצים ניט מער קיין השפעה זיין וואָרט.
קומט מען אין שול זיך צונויף, האלט דער רב אויף דער בימה א דרשה,
האקן אים איבער געוואלדן, אז ער שטייט ווי פארגליווערט, אָן לשון.
אָרעמע בעלי־מלאכות, זיי שרייען און דער רב שטייט אָן אָטעם:
„פרייהייט מיר האָבן באקומען, און מיר זיינען איצט די באלעבאטים!״

און שפּעטער עס האָט אויף אונגען זיך שוין גאָר אויסגעגאָסן א צאָרן,
דאָס ליבענקע שטעטל איז פון די רומענער פארנומען געוואָרן.
און ס׳קומט אויף דער שטאָט א ירידה, מ׳שטעלט דאָ אוועק באלד
די צאמען,

און מ׳ווערט אָפּגעריסן פון רוסישע יידן, ווי קינדער פון מאמען.
און די באָלשעוויקעס זיי האלטן אין רוסלאנד איצטער די מאכט,
און באלד מ׳האָט דערפילט דאָרט אויף יידישן לעבן עס רוקט זיך
די נאכט.
און אין רומעניע די פיינדשאפט צו יידן זי וואקסט אָן א שיעור—
— — — — — — — — — — — — —

נאָר דאָ איז דער שרייבער אוועק און עס האָט זיך פארשלאָסן די טיר...

• • • •

נאָר ס׳האָט דאָרט דער שרייבער געלאָזט א פארמעג, וואָס איז ליב
און איז טייער,
אָ, פעלדזיקע יידן, מיט גייסט אָנגעלאָדן, ווי מיט קאָרן א שייער.
זיי ציען דעם גלויבן מיט גאָלדענע קייטן פון אבות, פון שורש,
און טראָגן באשיידן אין הארצן די פיינען פון דורות און דורות.
זיי האָבן דעם גלויבן פון טויזנטער יאָרן אין זיך אויסגעשמידט,
און אויסגעהאקט טיף האָט מען זיבערע װעגן פון אייביקן ייד.
און פעסט גייט ער אום אויף דער ערד דאָ, ווי פעסט ס׳איז גאָטס שטול
דאָרט פון אויבן,
און חלומט פון ליכטיקן מאָרגן, פון נעכטנס געשטארקט און דערהויבן.

עס בערגלען אויף יידן זיך צרה אויף צרה, ווי כוואליעס אין ים,
און ס׳קוקט נאָך דער ייד מיט זיין חכמה, זיין טיפער, און אייביקן פלאם.
פארקניפּט איז אויך איצטער דער ייד מיטן הימל, מיט לויב
און געזאנגען,
און ס׳קוקט אלץ דער ייד אין דער טיף פון דער וועלט, וואו עס נעסטן
די שלאנגען:
ווייל וואָס איז דער מענטש אויב ניט קליין ווי א פליג און אין ווינט
נאָר א בלאט?
און ס׳טרינקען די טמאים דאָס בלוט פון די שוואכע און ווערן ניט זאט.

ערגעץ איז זינד מסתם אויסגעקריצט, ווי אויף א שטיינערנעם לוח—
וועט קומען דער עונש, דער הארבער, און נאָך דעם וועט קומען משיח...

געלאָזט האָט דער שרייבער דאָרט יידן, וואָס גארן און בענקען
נאָך גאולה,
און ציון, דאָס לאנד פון די אבות, דאָרט צויבערט און האָט א פעולה.
ס׳אַ בענקשאפט אָן אלטע, וואָס ציט זיך פון דורות מנהיגים, גדולים,
פון הערצל ביז יהודה הלוי, און ביז „ולזרעך עד עולם".
און וויפל דער שונא וועט שניידן, פארלענדן און פייניקן, שרעקן,
וועט בלייבן דער זויבערער גלויבן און וועט זיך ניט לאָזן פארמעקן.
מ׳ט ווארטן און האָפן און ווייטיקדיק קלאָגן פון לעכער און גריבער,
נאָר ס׳וועט דאָרט ניט אויסוועפן קיין מאָל די שיינקייט פון
יידישע שטיבער.

איך קען זיי, די שיינע, די לויטערע יידן פון שטעטל אונגען,
אויך איצטער עס טוט נאָך דאָס פייער פון בענקשאפט זיך אָפט
א צעברען.
איך טובל זיך הייליק און דעק־צו מיין גרויען קאָפ נאָר ווען איך געדענק
די יאָרן, די יונגע, די ליבע, וואָס גאָט האָט מיר דאָרטן געשענקט.
און ס׳איז א באלזאם צו מיין הארצן, א היילונג אין איצטיקע טעג,
וואָס גאָט מיט זיין רחמים לאָזט איצט מיך דערמאָנען מיין
שטעטלס פארמעג...
און אייביק איך דאנק דיר, אונגען, און דערמאָן דיך מיט אויגן
פארטרערט,
און בענטש דיך און ווארט אויף גאולה שלימה אויף זינדיקער ערד.

(סוף פון צווייטן טייל)

ח. בארקאן

# אומקום

(עפילאָג)

ס'האָט אין בעסאראביע געהערשט שוין דער רום דאָ,
פארכאפט דאָס שטיק ערד,
און ס'איז געלעגן רומעניע פארשטילט אונטער קנוט, אונטער שווערד.
מיט אנגסטן אין הארצן עס גייען אוממעכטיק אין שפאן דאָ די מאסן,
דער מעכטיקער יחיד, דער אשמדאי, הוליעט מיט פויקן און טאצן.
און הארט איז געזעץ דאָ, סכנות, פון אלטן מ'לאכט דאָ, מ'שפאָט,
א נייע וועלט אויפבויען וועט מען, נישטאָ דאָ קיין הימל, קיין גאָט.
און אונטערן קנאפל עס ליגט אויך דאָס אלטינקע יידישע פאָלק,
און בייגט אונטערטעניק דעם קאָפ פארן פריץ דעם נייעם און פאָלגט.

נאָר ניט אונטערגעבן עס וועלן זיך יידן פאר קנוט און פאר פיין.
מ'איז אלט... און די המנס זיי קומען און פאלן אין נעץ באלד אריין...
איז פונקט ווי אין שפאניע די יידן אין גאסן מיט צלם אויף הארץ,
און האלטן אין הענט אין די קעלערס דעם ספר און סידור פארשטארצט.
אזוי האָט דער ייד דאָ געקוקט און באוויינט דאָ דעם חורבן, דעם שווערן,
ווי מ'דריקט, מ'פארמיאוסט זיין אמונה און מ'וויל נאָר זיין עבר
צעשטערן;
ווי ס'פרואוון דאָ קויטיקע יונגען אריינגיין אין יידישן מקדש,
צעשטערן, צעברעכן די לוחות און מאכן פון מקדש א הקדש.

עס ברענט אויך אין יונגע א פונק אינעם הארצן, עס טוט עפעס יערן,
נאָר מ'חלומט, מ'ווערט אלץ פארפירט, און מ'האָט ניט קיין מוט
זיך צו ווערן.
צעמישט זיינע יונגע, מ'קוקט אויף די העלדן, די נייע געשטאלטן,
וואָס ציען און מאניען און שרעקן, און מ'נעמט שוין דאָס אלטע
באהאלטן.

די יוגנט פארלירט זיך אין טרוימען, זיי טוען אלץ טומלען און שרייען,
מ׳דורשט נאָך די ליכטיקע וועלטן, וואָס זאָלן אין חלום פארטייען.
נאָר טיף אינעם הארץ דאָרט פארפלאנצט זיינען אייביקע יידישע פלאנצן,
וואָס וואָרצלען אין תהום פון נשמה און דורך די אויגן זיי גלאנצן.

עס נארן זיך נאָר דאָ די יונגען אין אייגענער אָפּנארעריי—
זיי מוזן שוין דינען די יידן, דאָס פאָלק זייערס, אייביק געטריי!...
נאָר ס׳רוישן ארום זיי טרומייטן, פארטויבן א יעדן געפיל,
איז טראָגט מען די אוצרות אין הארצן און מ׳לאָזט זיי פארשעמט אין דער שטיל.
זיי האָבן א טרייסט, א נחמה, עס בליט איצט דאָס יידישע וואָרט.
און צווישן די פעלקער, די יידן זיי שאפן און האָבן אן אָרט.
נאָר לא יזכר די אוצרות געשאפן פון טויזנטער יאָר,
און ס׳בענקט שטיל דער ייד נאָך גאולה, און זינגט-נאָך אין קהלשן כאָר...

און שפּעטער מ׳גייט שוין, ווי קנעכט, אין דעם שפּאן, אין דעם קלעם, דעם געמיינעם,
און מ׳לעכצט נאָך דער פרייהייט, גאולה, און מ׳בעט אויף דעם טאָג, אויף דעם שיינעם.
מ׳האָפט אז אָט קומען די ליכטיקע טעג און דער מענטש ווערט דערהויבן,
און מ׳שווערט אים, דעם מענטשן, אין הארצן געטריישאפט, מיט פייער, מיט גלויבן.
נאָר קיינעם איז ניט אזוי ביטער ווי יידן, עס גריזשען פארדראָסן,
מ׳קאָרטשעט זיך פונקט ווי אמאָל אין עינויים, אין תפיסה פארשלאָסן.
ווייל וואו איז געבענטשטע דערלייזונג און ליכט פארן מענטש כאָטש א טראָפּ,
אז פארשטומט איז דער מענטש, און ער לעבט אונטער קנוט מיט געבויגענעם קאָפּ?...

• • • •

און פּלוצים עס האָט זיך אין דייטשלאַנד באַוויזן אַ פּרעה, אַ המן,
ימח שמו וזכרו, זאָל פאַרשאָלטן זיין אייביק זיין נאָמען.
און מיט אַ שטורעם ער שפּאַנט מיט די זעלנער דורך לענדער און שטעט,
און מאָרדעט און ברענט און צעהרובט, און שיסט און צעוואַרפט
און צעטרעט.
און לענדער און פעלקער פאַרשלינגט ער, און ס׳זיינען אים וויניק
די רוימען,
און ס׳שטומען און שטוינען די מענטשן און מ׳קען גאָר דעם אכזר
ניט צוימען.
און חרובע ליגן די פעלדער און ס׳טרויערט די ערד וואו זיי קומען—
אָט זיינען זיי שוין אין בעסאַראַביע און האָבן מיין שטעטל פאַרנומען.

ס׳האָט אַלערליי טויטן, דער משחית, מ׳טאָר גאָר ניט זאָגן די נעמען,
און זאָלן די הייליקע רוען און זאָל זיי מיין פּען ניט פאַרשעמען.
נאָר ס׳האָט נאָך די וועלט ניט פאַרנומען אַזוי פיל־אַ בלוט, מערדערייען,
ניט געהערט האָט דער הימל נאָך קיינמאָל אַזעלכע געיאָמערס, געשרייען,
„שולדיג דער ייד איז אין אַלעם!״—עס שטורעמט די רוצחישע זרע,
און להשמיד להרוג ולאבד איז דעם אשמדאיס שוואַרצע גזירה.
און ס׳לויערן מערדער, ווי שפּיר־הינט, און יאָגן אין לעכער און שפּאַלטן,
נישטאָ מער קיין ערד פאַרן מענטשן, וואו זיך צו פאַרשטופּן, באַהאַלטן...

און דאָ קומט דער מענטש פונעם לאַנד דאָ, דער שכן פון
הונדערטער יאָרן,
אַ טייוול, אָן האַרץ און אָן בושה, וואָס איז איצט אַ חיה געוואָרן.
אָט פריער ער האָט זיך געשמייכלט, געחנפ׳עט דעם „קלוגן״ זשידאַן,
און פּלוצים—אַ שותף צום משחית, און איצט—גאָר אַ ווילדער טיראַן.
האָט שטענדיק געזויגן די פּראַצע פון יידן, מיט שולדן, מיט חובות,
ער שטייט מיט געבויגענעם קאָפּ, אָן אַ היטל, בעט הילף
און בעט טובות.

איצט שפאנט ער מיט שפּאַטיש געלעכטער און רויבט אין די
ידישע שטיבער,
און ווייזט וואו עס ליגן „זשידאנעס" פארשטעקט אין די לעבער
און גריבער.

און מ'שלעפּט זיי, די יידן, און ס'פלאַטערן גופים מיט קלאַגן, אָן ווערטער,
און מ'פייניקט סיי אלטע, סיי קינדער, און וואו מ'דערשיסט
אויף די ערטער.
און אוים בית-הקברות, מ'באהאלט מער קיין מת ניט מיט כבוד
און תפילה,
און נאָר א בית-עולם א גרויסער עס ווערט איצט מיין שטאָט,
מיין קהילה...
א גיהנום-וועלט האָט נאָר געהערט די געשרייען, דאָס בעטן, דאָס קלאַגן,
און גאָר אָן א הארץ, אָן א גאָט, ניט געלינדערט די אימהס, די פּלאָגן.
און מיט אכזרישער האנט, און מיט ביקס און מיט פייער און ברען,
האָט מען אויסגעראמט—אָ, ליבער גאָט!—מיינע יידן פון שטעטל
אונגען...

נאָר ס'שפּאָטן ניט אלע אָט דאָרט אין דער מיאוסער און גרויליקער
וועלט,
עס וויינען דער בארג און דער וואלד, און דער גאָרטן, דער טייך
און דאָס פעלד.
עס קלינגט ניט אין וועלדל געלעכטערס פון יידישע טעכטער, פון שיינע,
און ס'הייבן זיך מער ניט צום הימל די יידישע תפילות, די ריינע.
ס'האָט יידישער מוח געבויט און געפלאַסטערט דאָ וועגן און שטיבער,
און ס'קלאָגן די וועגן און שטיבער פארבלוטיקט, מיט יידן אין גריבער.
און ווערן די פעלדער אָן רעגן פארטריקנט, מ'שרייט און מ'ווערט זיך,
איז מוטלאָז צום גרויסן אלמעכטיקן גאָט פון די יידן מ'קערט זיך...

און ס׳שוועבן נשמות דאָ יידישע אום איבער ערד אין די הויכן,
און קוקן ארונטער פון איבער די פייערן, שייטערס און רויכן.
אין די ביינאכטן עס קאַרטשעט דער גוי זיך פון שלאָף אויף געלעגער,
און שרעקט זיך אין חלום פאר הימלשער שטראָף, פארן טויט, פארן פגר.
עס פלאָגן אים פחדים-געשטאַלטן מיט אייזנס און שטעקנס און רוט,
ער ווארפט זיך אין פיין, ווי געבונדן, און ס׳זעצט אינעם לייב
אים דאָס בלוט.
און ס׳גייען פארביי אים די יידן, וואָס ער האָט פארקויפט זיי זיין ברויט,
און נאָך דעם זיי איבערגעגעבן צום מזיק, צום משחית, צום טויט.

און אייביק עס שמייסט דאָ פון רום-מאָלדאוואן איבער פנים די בייטש:
איר האָט דאָ געזינדיקט, איר רוצחים, אזוי ווי דער חיהשער דייטש:
איר האָט דורך דורות ווי שכנים געלעבט מיט א פאָלק אזא שיינעם,
געגעסן, געשמועסט און געהאנדלט, געטרונקען „לחיים" אינאיינעם.
און אז ס׳האָבן שדים צעחרובט דאָס יידישע לייב און פארמעג,
האָט איר נאָך געשטיצט די תליונים און געטויט און גערויבט אָן אן עק.
און ס׳קלאָגט אייער הונט אין דער בודקע, און אומעטיק שטייען
די שייערן:
מ׳זעט ניט אין דאָרף שוין קיין ייד, מיטן שמייכל, דעם קלוגן,
דעם טייערן.

• • • •

נאָר כ׳ברענג אייך א טרייסט, מיינע יידן, נשמות איר הייליקע, טריבע,
איר, גופים אין קברים פארהפקרט, אָ ברידער, אָ טייערע, אָ ליבע:
עס האָבן אייערע הארציקע תפילות אין הימל געהאט א פעולה,
געבראכט האָט דער מעכטיקער בורא אונדזער פאָלק איצט
די גרויסע גאולה.
און ווען אין די הויכן א היימישן ניגון פון ציון איר הערט—
דאָס זיינען גאולה-מזמורים, וואָס יובלען ארום אויף דער ערד.

די ייִדן קערן־אום זיך „לגבולם״, און ס׳ווערט שוין מקוים דער חלום:
מ׳ט לעבן אויף אייביק אויף אייגענע פעלדער אין רו און אין שלום.

און ס׳ווערט מײַן נשמה צערריסן פון שמחה און פּײַן וואָס איז זעלטן,
מיר דאכט זיך, אז גאָט האָט געמוזט מיר מײַן מידע נשמה פארשעלטן;
און וואנדערן וועט זי דאָ שטיל אחרי מותי אויף צווייערליי שטעגן,
בײַטאָג אויף די פעלדער פון ציון, בײַנאכט אויף די שטעטלשע וועגן.
זיך טובלען אין ליכט אין בײַטאָגן און קוועלן אין שײַן פון דער שכינה,
און טרינקען די פרייד פון מײַן פאָלק און פארברענגען אין שמחה ורינה.
און בײַנאכט ווערט זי צוריק נע־ונד, און זי וויינט ביי א חרובן מויער,
און זינגט אויף די קברים א ניגון און עקט זיך פון צער און טרויער...

(סוף)

פילאדעלפיע, סעפּטעמבער 28, 1958
ערב סוכות, שנת תשי״ט

# אינהאַלט


ערשטער טייל — זייט

א שטח ערד .......... 9
אין פּריצס הויף .......... 12
די אסיפה .......... 15
יידן בויען .......... 18
דער מאַרק .......... 24
יידן רעדן פון א בית־תפילה .......... 29
דאָס שטעטל וואַקסט .......... 34
פּרנסה .......... 40
ירושה .......... 45
מלמדים .......... 51
א בית־מרחץ .......... 55
צדקה .......... 60
א דיין אין שטעטל .......... 66

צווייטער טייל

א נייע צייט .......... 73
יוגנט .......... 78
זומער .......... 83
צוויי דורות .......... 88
יידן .......... 95
א רב .......... 122
דער טייך .......... 130
נייע מלמדים .......... 136
די העברעאישע שולע .......... 146
דריי שולן .......... 149
שמחות .......... 156
יידישע גבורה .......... 164
רעוואָלוציע .......... 170
אומקום (עפּילאָג) .......... 175

# דאַנק־אויסדרוק

דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף און דערמוטיקונג פון די פאָלגנדיקע זייער חשובע פריינד און חברים:

נ. כאַנין, גענעראַל סעקרעטאַר פון ארבעטער רינג; ז. יעפּרויקין, א"ר בילדונגס־דירעקטאָר; משה שפּיגל, שריפטשטעלער און איבערזעצער; י. ל. גראָס, אייגנטימער פון דרוקעריי: פון מיינע חברים־שול־טוער וועלוול און הינדע בלושטיין, הערשל און איידע נייבאָר, יוסף און ליזע זעבלין, און — אחרון אחרון חביב — מיין געטרייע פרוי, איטע, וואָס איז געווען די ערשטע דורכצולייענען דעם כתב־יד.

איך דריק זיי דאָ אויס מיין האַרציקן דאַנק.

## ביכער פון זעלבן מחבר:

פישער (נאָוועלע), פילאַדעלפיע, 1928
אין שווערע טעג (דערציילונגען) ווארשע, 1933

### מעשיות פאר קינדער:

אמאָל איז געווען — 1942
קינדער — — — 1952

אונדזער פאָלק (געשיכטע־בוך), 1945

ערשטע אויפלאגע—מיי, 1959

צווייטע אויפלאגע—אָקטאָבער, 1959